# קרית ברסלב

שנה ה' נומער 244 פרשת תולדות · תשפ"ה

**וועלטליכע נייעס:** ספיריט עירליין באנקראטירט

**פנינים:** די תיבה פון דעם אלטן

**שאלה:** איז קינדער א ברכה?

**א מעשה אויף למעשה:** זיי נישט קיין פאליס לעדי

# תפילה העלפט!

באקומען באשטעטיגנג צו אנהייבן בויען דעם נייעם גרויסן בנין התלמוד תורה פאר אונזערע קינדער אין **קרית ברסלב ליבערטי**





קרית ברסלב בלעטל

פרשת תולדות תשפ"ה • 244

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

באגראבן צום לעבן 10



איז קינדער א ברכה? 8



שכח אייבערשטער פאר די שניי 35



4 פנינים
12 שטעטל נייעס
18 קוק אהער
25 די ברסלב'ע שטוב

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

## זמנים
תולדות כ"ט חשון

הדלקת הנרות .. 04:11
מוצאי שבת ...... 05:41

**מנחה מעריב**
פרשת ויצא
05:25









# UNLOCKING DIGITAL POTENTIAL.

Unlock a world-class online presence with our customized website solutions, expertly shaping your digital brand and success.

share your business with the world.

Avrumi_Eisner_is_now_Annex: 347-853-9830 / hello@annexny.com / annexny.com

annex

dominogrp.com

## פנינים

# די תיבה פון דעם אלטן!

די יאר בין איך געפארן קיין אומאן דורך טערקיי, פארוואס טערקיי? ווייל אינעם מכתב יומי, זונטאג בהעלותך, תשפ"ד האט דער ראש ישיבה געשריבן: "מאך דיר דיינע פלענער ווען צו פארן און ווי אזוי צו פארן, עס איז דא כמה דרכים צו פארן, אדער דורך די טשארטער וואס אלי קנאלל מאכט, אדער דורך פוילן אדער טערקיי; ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט". די טשארטער האב איך נישט געקענט עפארדן, האב איך פרובירט צו גיין דורך פוילן. למעשה ווען איך האב געוואלט באשטעלן די טיקעט דורך פוילן איז שוין נישט געווען וועילעבל א טיקעט אויף זונטאג, און איך האב יא געהאט חשק צו פארן זונטאג, צו אנקומען בעז"ה אין צייט זיך צו קענען כאפן די אטעם פאר ראש השנה, איז געבליבן די צווייטע אפציע, טערקיי. פאר ראש השנה ווען עס האבן זיך אנגעהויבן די אומרוען אין מיטל מזרח, האבן אנשי שלומינו געשמועסט אז מען דארף נישט מורא האבן צו פארן דורך טערקיי, ווייל דאס האט בעז"ה א שמירה און דעקונג פון דער ראש ישיבה...

אויפן פליגער בין איך געזעצן נעבן א טייערער איד, מיט די פליישיגע אויגן זעט מען אים נישט צופיל אין היכל הקודש, אבער דורכאויס די ניין שעה'דיגע רייזע האט ער מיר דערציילט ווי ער געפינט זיך שוין איינמאל אין היכל הקודש מיט די גאנצע הארץ אין נשמה...

ער האט אסאך דערציילט, אסאך בכמות און אסאך באיכות... ער האט מיר דערציילט ווי מוהרא"ש און דער ראש ישיבה האבן געראטעוועט זיין לעבן ברוחניות ובגשמיות, נאכן דורכגיין געוויסע שוועריקייטן און ער האט געהאלטן פארן צאמברעכן איז זיין ישועה געקומען דורך די עצות און לימודים פון מוהרא"ש און דער ראש ישיבה, וואס האלט נאך אן ביזן היינטיגן טאג, עס העלפט אים אויפן טאג טעגליכן לעבן, זיין לעבן מיט א ווייב און קינדער, און זיין לעבן מיטן אייבערשטן, מיט די תורה און קיום המצוות.

ער האט מיר דערציילט אן אינטערעסאנטע אנעקדאט, ווען ער האט אנגעהויבן צו לערנען די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש האט אים געזינגען אין קאפ די אלע לשון הרע'ס וואס ער האט זיך אנגעהערט במשך די יארן אויף די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, ער האט געשפירט אז די ספרים רעדן צו אים, און זענען אים מחזק, אבער ווי פארשטייט מען די בלבולים? האט ער געטראכט אז ער וועט פרעגן זיין טאטע איבער דעם..

ער האט אנגעפרעגט זיין טאטע וואס איז אן ערליכער איד און א תלמיד חכם צי ער מעג לערנען די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש... האט אים זיין טאטע געזאגט: "איך ווייס נישט וואס דו מיינסט צו זאגן אז מ'טאר דאס נישט לערנען, די ספרים האבן מיך דערהאלטן אלס בחור..." האט ער שוין געזען אז די גאנצע התנגדות איז אן אויפגעבלאזענע באבע פונעם סמ"ך מ"ם און האט נישט קיין שום האפט, און ער האט ווייטער ממשיך געווען צו לערנען די הייליגע ספרים.

על כל פנים, האבן מיר געשמועסט פון וואס דער ראש ישיבה דערמאנט אונז שטענדיג ווי מיר דארפן זיך פרייען און דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן און די הייליגע תלמידים וואס ברענגען אונז אראפ דעם רבי'ן צו אונזערע מוחות, אונז צו קענען מאכן ליכטיג מיט די ריינע אמונה, און אלע אנדערע עצות פון רבי'ן..

אלע צדיקים זענען גרויס און אלע זענען הייליג, אבער דער רבי און זיינע תלמידים האבן דעם כח, ווי דער ראש ישיבה רופט דאס אן, "צו רוקן א מענטש פון דא ביז דא", מאכן א מענטש נישט ענטפערן אויף א בזיון ווען עס ברענט אים צו ענטפערן א גוטס. מאכן א מענטש וואס איז אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט. אדער האט סתם אזוי געכאפט א לינקס אינמיטן טאג - צו אריינכאפן אביסל תורה און קומען אין בית המדרש דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין.

ווען מ'הערט ביי א שיעור פון דער ראש ישיבה "דער אייבערשטער וועט דיר העלפן, דו וועסט ארויסגיין פון דיין פלאנטער, פון דיין פראבלעם", איז עס נישט סתם א שיינע ווארט, נאר עס ווערט גוט אויפן הארצן, מען שפירט א טל של תחי', אההה... מ'ווערט פול מיט אמונה, מיט האפענונג אז דער אייבערשטער גייט מיר העלפן, עס גייט זיין גוט. ווען מ'הערט ביי א שיעור צו רעדן שיין צו די ווייב און צו די קינדער, ווערט די הארץ צולאזט, מ'האט חרטה אויף די נישט שיינע באנעמונג, מען טוט תשובה, מען בעט איבער דעם אייבערשטן, און מען נעמט זיך פאר צו רעדן שיין אין שטוב, און אזוי ווייטער...

שכח אייבערשטער אז מיר האבן געקענט אויסנוצן די וועג צו שמועסן

יואל שניצלער

פון די שיינע מתנות וואס מיר האבן, די כח פונעם צדיק...

דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט מיט אונז שטענדיג אז אלעס וועט דער סמ"ך מ"ם צולאזן, ביז עס קומט צום רבי'ן, מ'קען אויפקומען מיט אלע סארטן וועגן צו לערנען, צו האבן שלום בית, צו שפארן געלט ביי שמחות, שידוכים, טעכנאלאגיע, זיין אן ערליכער איד, אבער מ'דארף האבן דעם כח פון רבי'ן, דער כח פונעם צדיק אז דאס זאל מצליח זיין און אריינגיין אין די הערצער...

לדוגמא, טרעפן מיר אין א בריוו ווי דער ראש ישיבה שרייבט: "אַלֶע רֶעדְן פוּן חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג, אַלֶע מַאכְן אַסִיפוֹת; מֶען שְרַייבְּט, מֶען רֶעדְט - אָבֶער גָארְנִישְט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה. דֶער מַאכְט אַ כֹּחַ הַיָּחִיד, אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אַ כֹּחַ הָרַבִּים אוּן אַ דְרִיטֶער מִיט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען. מִיר הָאבְּן כֹּחַ הַצַּדִּיק, דֶער כֹּחַ פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי זִיבֶּעצְנְסְטֶע חֲתוּנָה, נִישְט בִּילִיג - נָאר גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם; עֶס קָאסְט נִישְט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר דִי מְחוּתָּנִים".

אזוי אויך טרעפן מיר ווי דער ראש ישיבה שרייבט בכלליות: "מען דארף האבן א זכיה מקורב צו ווערן צום רבי'ן און א באזונדערע זכיה צו בלייבן ביים רבי'ן. עס איז נישט גענוג אז מען איז מקורב געווארן, מען דארף רחמי שמים מען זאל זיך קענען דערהאלטן, ווייל דער סמ"ך מ"ם האט זייער פיינט דעם רבי'ן ובפרטיות היכל הקודש; ווען ער זעט א פרישער מקורב קען ער דאס נישט אראפשלינגען, אין אנהייב ברענגט ער מניעות פון אינדרויסן, מען הערט ליצנות פון דעם און פון יענעם, נאכדעם הייבט זיך אן אייגענע חלישות הדעת, ער דריידט ארום מיט יעדן איינעם, ער וויל נאר איין זאך, גיי אוועק פון רבי'ן, גיי אוועק פון מוהרא"ש".

הגם מיר האלטן שוין פרשת תולדות, פיר וואכן נאך פרשת נח, אבער אזוי ווי איך האב געהאט צוגעזאגט פארן עורך פונעם בלעטל אז איך וועל ברענגען אין פנינים דעם וואונדערליכן מעשה, וועל איך עס אראפברענגען די וואך, בפרט אז דאס איז אונז שטענדיג נוגע, היות מיר געפינען זיך שטענדיג אין א מבול און מיר דארפן זיך גוט אנכאפן אינעם צדיק צו ווערן געראטעוועט.

איין אלטער שלעכטער מענטש איז געווען וואס האט זיך יא געפארכט פון נח'ס ווערטער, ער האט זיך אויף געמאכט א תיבה אזוי ווי נח...

מיר טרעפן גאר אן אינטערעסאנטע חידוש אין ספר משיח ה', פונעם חכם הרב יוסף מונטקיו (זיין יארצייט געפאלט די וואך, ער איז נפטר געווארן כ"ו חשון, אין יאר ת"צ), דער ספר איז געדרוקט געווארן אין סאלוניקי אין יאר תקמ"ה, ברענגט ער אראפ אין פרשת נח: איך האב נאכגעהערט מפי ספרים וסופרים, אז ווען דער צדיק נח האט זיך באשעפטיגט מיטן בויען זיין תיבה, און מוסר געזאגט פאר זיין דור, ער האט זיי געזאגט אז דער אייבערשטער גייט ברענגען א מבול אויף דער וועלט, האט אים קיינער נישט צוגעהערט, פונקט פארקערט, מ'האט אים פארשעמט און געלעסטערט, מ'האט אים געזאגט אז די מבול וועט נאר קומען ביי אים אינדערהיים, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל.

איין אלטער שלעכטער מענטש איז געווען וואס האט זיך יא געפארכט פון נח'ס ווערטער, ער האט זיך אויך געמאכט א תיבה אזוי ווי נח, אויף א ספק אז אויב עס וועט קומען דער מבול זאל ער קענען אריינגיין דערין און זיך דורכדעם ראטעווען, און וואס נח האט געטון ביים בויען די תיבה האט ער נאכגעטון, טראכטנדיג אז זיין רעטונג וועט קומען דורך די תיבה.

ווען ער האט געזען אז די מבול הייבט זיך טאקע אן, און נח און זיין ווייב און קינדער גייען אריין אין די תיבה, איז ער אויך אריין אין זיין תיבה, און דורכאויס די גאנצע תקופה פון די מבול איז ער טאקע געווען באשיצט, אבער ווען די מבול האט זיך אפגעשטעלט און די וואסער האט אנגעהויבן אראפגיין, האט אים דער אייבערשטער פארטונקלט די אויגן, און ער האט געמיינט אז די ערד איז שוין טרוקן, איז ער ארויס פון זיין מבול און ארויסגעשפרינגען אויף דער ערד, אבער אזוי ווי די ערד איז נאכנישט געווען טרוקן איז ער איינגעזינקען געווארן אין ליים און ער איז געשטארבן אזוי ווי אלע זינדיגע פון זיין דור, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'אמחה את האדם אשר בראתי', ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געמאכט אז נאר נח און זיינע קינדער זאלן איבערלעבן די מבול, עד כאן.

על כל פנים, זעען מיר פון דא אז מ'קען האבן פארשידענע תיבות, אזא סארט און אזא סארט, דער מעטאד און יענע מעטאד, אבער די ישועה און די עצה ליגט נאר ביים צדיק נח, ביים צדיק וואס איז מרומז אין די פסוק (בראשית ה, כט): "זֶה יְ'נַחֲמֵנ'וּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ", און זיינע הייליגע תלמידים וואס לערנען אונז די ליכטיגע עצות און שכל אויף אזעלכע שיינע, זיסע און געשמאקע וועגן.

# תלמוד תורה בנין בקרית ברסלב באקומען ב"ה די גרינע ליכט צו בויען

מיט גרויס פרייד און עקסטאז טוט מען זיך פרייען אלע אנשי שלומינו צו די פריילעכע בשורה אז ענדליך נאך אסאך תפילות והשתדלות פון אפאר יאר, האט מען באקומען דעם באשטעטונג צו בויען דעם נייעם גרויסן בנין התלמוד תורה אויף וואס מעןווארט שוין גאר לאנג דערויף.

ווי מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו חבר הנהלה געבט איבער איז פארגאנגענעם דינסטאג חיי שרה געווארן אפראווד דאס בויען דעם בנין, עס איז ברוך השם נישט געווארן אפגעשטיפט אויף ביזן נייעם יאר למספרם, וואס דעמאלט גייט אריינקומען פרישע נייע שווערערע געזעצן איבער wetland געזעצן.

מ'האט זיך אביסל געזארגט איבער דעם וואס NYSEG - די קאמפאני וואס שטעלט צו די עלעקטריציטעט אין סוליוואן קאונטי - האט דארט ווייערס וואס לויפט פונקט העכער ווי מ'גייט בויען די פארקינג לאט, און אויב האט מען נישט דעם צעטל פון זיי אז זיי לאזן מאכן א פארקינג לאט אינטער די ווייערס, קען דאס אליין אויפהאלטן די גאנצע פראיעקט.

ס'איז נישט גרינג אנצוקומען צו זיי צו באקומען די אפראוועלס, מ'האט זיי געהאלטן אין איין פרעגן וואו דאס האלט, ברוך השם אז מאנטאג נאכמיטאג האט מען באקומען די געסיינטע צעטל פון זיי, אזוי אז ביים קומענדיגן טאג דינסטאג ווען די באאמטע האבן עס אפראווד, האט די NYSEG צעטל נישט אויפגעהאלטן דעם פראיעקט. דינסטאג אויפדערנאכט האבן זיי דאס טאקע אפראווד צו די גרויסע שמחה פון אלע תושבים, וואס מיט דעם האט זיך נאכאמאל ארויסגעשטעלט די כח פון תפילה, וואס איז די שטערקסטע מיטל צו באקומען וואס מען דארף נאר.

יעצט איז מען מתפלל אויף ווייטער, מען דארף נאך אויך באקומען די אפראוועל פון די DEC (ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אויף ענווייראמענטל קאנווערסעישאן) און די DOH (ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אויף העלט) וואס זיי דארפן אפראווען די סוער און די וואסער.

אין די גאר נאנטע טעג וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף אנהייבן דעם קאמפיין צו קענען שאפן די געלטער צו בויען דעם בנין המפואר, וואס ווערט ערווארטעט צו קאסטן איבער צען מיליאן דאללער. דער ראש ישיבה האט געשטעלט מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו אלס גבאי צדקה פאר דעם צוועק.

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז דער ראש ישיבה אריבערגעקומען אין שטעטל און געזיצן מיט די הנהלה און איבערגעגאנגען די פלענער פונעם בנין וויאזוי מען זאל דאס בויען, און אויסגעארבעט פילע דעטאלן אז עס זאל זיין גוט סיי פאר די חדר, און אזוי אויך זאל מען עס קענען נוצן בעזרת השם פאר א חתונה זאל.



גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וויאזוי מאכט מען זייף?

**שאלה**

איך הער אז זייף מאכט מען פון פעטנס? איז יא, וויאזוי קען זיין אז אנשטאט עס צו פארשמירן די טעלער מיט אויל, רייניגט עס גאר אויס?

יוסף שווארץ

**ענטפער**

עס איז ריכטיג אז זייף ווערט געמאכט פון פעטנס, אבער עס ווערט געמישט מיט אנדערע מאטיריאלן ווי סאדיום הײדראקסייד, וואס דאס פארוואנדלעט די פעטנס אין זייף.

די זייף באשטייען פון פיצעלע מאליקיולס (די קלענסטע שטיקל פון א מאטריאל) וואס האבן צוויי זייטן. איין זייט קלעבט צו וואסער, און די אנדערע זייט קלעבט צו אויל. ווען מען וואשט אפ אן אייליגן טעלער מיט וואסער וועט עס נישט ווערן ריין צוליב וואס אויל און וואסער אנטלויפן איינע פון צווייטן, און די וואסער וועט נישט מיטשלעפן די אויל מיט זיין שטראם, אבער זייף איז אנדערש, ער ארבעט אויף ביידע פראנטן, זייף איז ווי א בריק צווישן פעטנס און וואסער, פון איין זייט קלעבט זיך עס צו צו די פעטנס און עס שלעפט מיט די שמוץ פונעם טעלער מיט זיך, און פון די אנדערע זייט קלעבט עס צו צו וואסער און ווען מען וואשט עס אפ ווערט עס מיטגעשלעפט מיט'ן שטראם וואסער.

עס איז באקאנט אז שקר און אמת ווערן געגליכן צו אויל און וואסער וואס קענען זיך נישט אויסמישן, ווי באקאנט ווען מען גיסט אריין וואסער אין אויל וועט די אויל אייביג ארויף שווימען, און די וואסער וועט בלייבן אונטן. דאס איז צוליב וואס וואסער קלעבט צו וואסער, און אויל קלעבט צו אויל, און די צוויי אנטלויפן איינע פון צווייטן, און די וואסער וועט אראפ גיין וויבאלד וואסער וועגט מער פון אויל.

ווי מיר זעען דא ביי זייף קען מען יא מישן אויל מיט וואסער. דאס דערמאנט אונז אז נישט אייביג איז אזוי קלאר די גרעניצן צווישן שקר און אמת. אסאך מאל קומט דער סמ"ך מ"ם צו אונז אין מח און מאכט אן א צומישעניש, פון איין זייט ווייסט ער אז ער זוכט נאר צו זיין אן ערליכער איד און שטרעבט אלעמאל נאר צו טון דעם רצון ה', אבער דער סמ"ך מ"ם קומט פון די אנדערע זייט און פרובירט צו שרייען העכער און זאגט אים "קוק דיינע דורכפעלער", און ער הייבט אן צו טראכטן אז ער איז נישט אין ארדענונג.

דערפאר קומט אונז רבי נתן זאגן אז דער מענטש איז זיין רצון, "וואס ווילסטו זיין? דאס ביסטו באמת", אבער דא קומט ווידער דער סמ"ך מ"ם אריין, איך זאג טאקע פאר'ן אויבערשטן "איך וויל זיין אן ערליכער איד, מיין הארץ גייט אויס פאר דיר רבונו של עולם, איך בעט דיך איך וויל דיך שפירן", אבער מיין איך עס אמת'דיג? עכט - זאגט אים דער סמ"ך מ"ם - ווילסטו שוואוילטאג, דו ווילסט א שיינע קאר, גוטע עסן, און מאכן א לעבן.

אבער דאס איז נישט ריכטיג, טיף אינעווייניג וויל יעדע איד זיין גוט, יעדע איד וויל זיין וואויל, און דאס וואס עס זעט נישט אלץ אויס אזוי קומט פון יאוש, נאך אזויפיל דורכפעלער מיינט ער אז ער קען שוין מער נישט אנהייבן. דערפאר איז זייער וויכטיג מיר זאלן לערנען כסדר די הייליגע בריוון, און הערן די זיסע שיעורים וואס וועט אונז כסדר מחזק זיין און דערמאנען אז מיר קענען יא שפירן דעם אייבערשטן, און זוכה זיין צו זיין אמת'ע ערליכע אידן, און אזוי וועט ארויסקומען דער אמת'ע רצון פון אונזער נשמה.

**איך וויל זיין גוט!**

# היכל הקודש נייעס




### אמעריקע

## פרישע דריי באסעס פאר די מוסדות היכל הקודש

די מוסדות היכל הקודש גייען אן ברוך השם שטארק און מיט הצלחה, די געטרייע מלמדים און מחנכים געבן זיך אוועק בלב ונפש צו לערנען מיט די קינדער תורה, מידות טובות און יראת שמים. דער עיקר דגוש לייגט מען אבער אויף אמונה, אז די קינדער זאלן וואקסן מיט דעם יסוד אז זיי זאלן וויסן און געדענקען אויף זייער גאנץ לעבן אז דער אויבערשטער איז מיט זיי, אייביג.

געלויבט דעם אייבערשטן אז די מוסדות וואקסן און בליען, עס קומען צו כסדר פרישע קינדער. צו נייעם לערן יאר תשפ"ד זענען צוגעקומען צוויי נייע קלאסן, איינס ביי די אינגלעך און איינס ביי די מיידלעך. דער וואוקס האט צוגעברענגט א נויט צו פארגרעסערן די טראנספארטאציע סיסטעם. בפרט ווען צוויי פון די אלטע באסעס זענען פראבלעמאטיש און זיצן אפ כסדר ביים מעקעניק.

די הנהלה האט זיך ארייגעלייגט צו טרעפן גוטע באסעס, און נאכן בעטן דעם אייבערשטן, האט דער אייבערשטער צוגעפירט א גאר גוטן דיעל פון דריי גוטע באסעס פאר א גוטע פרייז. די הנהלה איז שטארק דאנקבאר פאר די חשובע נדבנים וואס האבן מנדב געווען דריי נייע באסעס, וואס איז אזוי נויטיג געווען צו קענען טראגן און ברענגען די קינדער זיכערערהייט.

איין באס האט מנדב געווען מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו, איין באס האבן מנדב געווען מו"ה שבתי מארקוס הי"ו צוזאמען מיט זיין שותף מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו, און דער דריטער באס האט מו"ה יוסף זינגער הי"ו מנדב געווען.

אינאיינעם פארמאגט יעצט די טראנספארטאציע סיסטעם פון די מוסדות א סך הכל פון צען באסעס: איינס אין וויליאמסבורג, איינס אין קרית יואל, פינף באסעס אין שטעטל, און די אויבנדערמאנטע דריי נייע באסעס, בנוסף איז דא צוויי אלטע באסעס.

די טראנספארטאציע ווערט געפירט מיט גרויס געניטשאפט דורכן געטרייען מענעדזשער פון די מוסדות מו"ה אליעזר שמן הי"ו, די דרייווערס זענען אונזערע איבערגעגעבענע מלמדים פון נורסערי און קינדערגארטן מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו און מו"ה אהרן לונגער הי"ו. אויסער דעם זענען דא נאך אינגעלייט וואס העלפן צו און נעמען רוטס ווען עס פעלט אויס, צווישן זיי מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו און מו"ה שמעון אביש הי"ו, מו"ה נח הערש ווייס.

מיר ווילן ענדיגן מיט א שבח והודאה צום אייבערשטן אויף די געוואלדיגע הצלחה וואס די מוסדות האבן ברוך השם, און מיט א תפלה אויף ווייטער אז חפץ ה' בידינו יצליח, די קינדער זאלן ווייטער וואקסן און בליען און אויסוואקסן ערליכע גוטע אידן, וואס ווילן איין זאך, טון דעם רצון ה' באמת ובתמים.

**די עיקר איז די קינדער!**

# אִיז קִינְדֶער אַ בְּרָכָה?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ ווִיל מִיר זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶן פַאר אַלֶע לִימוּדִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט אוֹיס, דִי לֶעבְּן הָאט גָאר אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת וִוי לְמָשָׁל אַז מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וָואס מֶען דַארְף קֶען מֶען פוּן אִים בֶּעטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת.**

**אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּנוֹגֵעַ מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס אִיז אַ מְחַיֶ' צוּ אוֹיפְהָאדֶעוֶוען קִינְדֶער, אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן אִיבֶּער דֶעם, וַוייל בַּיי מִיר שְׁפִּיר אִיךְ וִוי אִיךְ כַאפּ אַ נֶערְוֶועןבְּרָאךְ פוּן זֵיי חָלִילָה, זֵיי גֵייעֶן מִיר אוֹיף דִי נֶערְוֶוען מִיט זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג. אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס פֶעלְט מִיר אַ קְלָארְקֵייט אִין דֶעם נוֹשֵׂא וִויאַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער.**

**אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה אוּן חִיזוּק אִין מַיין מַצָב.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵץ, ג' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי שַׁאֲלָה.

אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אִיךְ זָאל וויסְן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר שְׁפִּירְט אִיר כַאפְּט אַ נֶערְוֶוען בְּרָאךְ.



אִיךְ ווִיל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ד), דֶער הֵיילִיגֶער רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער, פַאר דִי חוּפָּה הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִיר הֵייליגֶע טַאטֶע עֶר זָאל אִיר בֶּענְטְשְׁן, הָאט רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיר גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר". אַ יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִי גֶעזָאגְט פַאר אִיר טַאטֶע: "עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָל טוֹב, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בֶּן זָכָר", זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה, הָאט דֶער טַאטֶע רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיר גֶעבֶּענְטְשְׁט: "זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי", הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אַבָּא" טַאטֶע, "שְׁתֵּי שְׂמָחוֹת שֶׁבָּאוּ לִי" בַּיי מַיינֶע בֵּיידֶע שִׂמְחוֹת, "אַתָּה מְקַלְלֵנִי" טוּסְטוּ מִיךְ שֶׁעלְטְן?! הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַבָּן גַּמְלִיאֵל גֶעזָאגְט: "תַּרְתֵּיהֶן צְלָוָנָן" בֵּיידֶע זַאכְן זֶענֶען תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל דִיר זַיין אַזוֹי גוּט אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן צוּרִיק קוּמֶען, אוּן אַז דַיין קִינְד וֶועט לֶעבְּן גֶעזוּנְט וֶועסְטוּ אַלְץ זָאגְן אוֹי וֵויי, "וַוי דְלָא שָׁתֵי בְּרִי, וַוי דְלָא אָכַל בְּרִי, וַוי דְלָא אָזֵיל בְּרִי לְבֵי כְּנִשְׁתָּא", אַז מֶען הָאט קִינְדֶער אִיז מֶען פַארְיָאגְט אוּן מֶען קְרֶעכְצְט 'אוֹי, דָאס קִינְד עֶסְט נִישְׁט', 'אוֹי וֵויי, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ כַאפְּן דֶעם בָּאס צוּ גֵיין אִין חֵדֶר'.

**אַ פַארְיָאגְטֶע מַאמֶע אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מַאמֶע, אַן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייטֶע שְׁטוּבּ - אִיז אַ בְּרָכָה**; וִוי פַאר אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין קִינְדֶער אוּן אַלֶעס גְלַאנְצְט, אַלֶעס קְלַאפְּט; אַ שְׁטוּבּ וָואס פְלִיעֶט, עֶס טוּט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וְכוּ' - אִיז נָאר אַ בְּרָכָה, אַזוֹי וִוי רַבָּן גַּמְלִיאֵל הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיין טָאכְטֶער: "לָא יִשְׁלֵה וַוי מִפּוּמִיךְ" זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן "וֵויי".

אַ גוּטֶע עֵצָה נִישְׁט צוּ כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען בְּרָאךְ; גֵייט צוּם פֶענְסְטֶער, קוּקְט צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר"; וִוי מֶער מֶען טוּט דִי עֵצָה - אַלְץ שְׁטֶערְקֶערֶע נֶערְוֶוען בַּאקוּמְט מֶען.**



# צום פינטל

## באגראבן צום לעבן

יא! פונקטליך ווי אזוי זיי האבן מיר עס אפגעמאלן, פונקט אזוי איז טאקע געווען, דער קבר דא דער גיהנום דא, אזוי צו שפאט און צו שאנד מאכן א אומשולדיג קערעלע.

אוי קערעלע קערעלע האבן מיינע חברים מיר געוויינט, דו ווייסט, מען גרייט דיר יעצט אן א קבר, נאך זייענדיג א חלק פונעם טאמאטע האבן זיי געשפירט אז דאס וועט זיין מיין גורל, זיי האבן מיר באוויינט אז דאס וועט זיין מיין פינסטערע שיקזאל, און מיט רעכט, דערנאך ליגנדיג נאך צוזאמען מיט מיינע חברים קערלעך דארט אין קאך אויפן טיש צווישן די ברויט ברעקלעך, פיינע פוטער אויף צו רעכטס, די מעסער'ס, די טעלער'ס אזוי גרייט אוועקצופאקן, איך ווארט זיצנדיג אויפן טיש נאכן געשמאקן פרישטאג, אבער אינדרויסן איז דאס בילד גאר אנדערש, מען שטייט מיט שאוולען און גראב געצייג מען גרייט מיר צו א קבר.

אלעס ווערט אפגעפאקט, געלייגט אין פלאץ, און מיט פארזיכטיקייט ווער איך גענומען. און אקוראט אזוי ווי זיי האבן מיר פארגעשטעלט, אזוי איז טאקע געשען, איך ליג דא אין מיין אפענעם קבר. אבער ווארט דאס איז ווייט נאכנישט אלס, די קומענדיגע פאזע איז נאך פיל שרעקליכער, דאס שיין פונעם זון איז מיר אוועקגענומען געווארן, אוי איך שטיק מיך דאס לופט צום אטעמען איז מיר צוגענומען געווארן, א דיקע שיכט זאמד... נאך א שיכט זאמט מיט בלאטע האט מיר באדעקט, אוי ווי פינסטער עס איז דא אין קבר, אוי ווי ווייטאגליך איז ווען יעדע פארבייגייענדע טאג קומט נאך א פונקטליכע מאס פון וואסער, עס העלפט צו דעם פראצעדאר. איך קליינע קערעלע בין שוין פארפוילט, איך בין שוין א חלק פון דער ערד, איך עקזיסטיר שוין נישט, עס איז גארנישט געבליבן פון מיר, פארפוילט, פארוועלקט, איינזאם, דערביטערט, צובראכן, דאס נידעריגסטע צו וואס מען קען צוקומען.

אוי א טרערל, פאר דיר מיין טייערע קערל... דו ביסטאך אזוי... הער אויף! סטאפ! וואס ווילסטו?! נישט גענוג אז איך בין אנגעקומען צו די נידעריגסטע מצב וואס נאר מעגליך, עס איז מיר גענוג ביטער אן דיינע טרייסטן, גיס מיר נישט צו קיין זאלץ צו די וואונדן, בארואיג מיר נישט, טרייסט מיר נישט, איך בין אין דער ערד, איך בין באמיסטיגט, פארשימלט, איך בין פשוט אויס, פון מיר קען שוין גארנישט זיין, עס איז נישט דא קיין וועג צו מאכן עפעס פון א זאך וואס איז געווארן אויס, סטאפ שוין מיט דיין חיזוק'עריי

אבער דאס האט מיר קיינער נישט געזאגט...

גראדע האט מען מיר יא געזאגט, אבער איך בין געווען אזוי איבערצייגט אז דאס איז זיכער נישט מעגליך, עס איז מיר פשוט נישט אריין אין די אויערן. עפעס... עפעס א קליין לעכל... עס עפנט זיך עפעס א קליין שפאלט העכער מיר, עפעס רודערט זיך, עפעס לעבט אויף, עס וואקסט?! יא! עס ווארצלט זיך איין, וואוו!, יא עס איז אמת געווען די שיינע חיזוק וואס זיי האבן מיר גע(וואלט) געבן, ווען אלעס איז געווען פינסטער, שווארץ, עס גייט קומען גוטע טעג, וואס ווי ווען ווער.

איך ווייס נאכנישט פונקטליך וואס, אבער עפעס טוט זיך, עס איז נישט צום גלייבן, עס הייבט שוין אן עפעס עפעס, ווי אזוי קען דאס זיין, בלומעלעך זאלן פון מיר ארויסוואקסן? איך בין דאך גארנישט? דאס איז ממש אומדערהערט, איך בליה, איך שפראץ ארויס פרישע פיינע שטאנדהאפטיגע, שטארקע טאמאטן, ווי אזוי קען דאס זיין? איך ווייס נישט... אבער דאס איז דער מציאות. קוק, פון א פארפוילטע, באמיסטיגטע, באגראבענע, אויפגעגעבענע, מיאוס'דיגער קערל, איז יעצט דא א שיין ביימל, עס קומט נאך און נאך, 10 20 30 גרויסע שיינע טאמאטע'ס, זיי פאלן

## די רגע סטאפ מיט דיין חיזוק! איך בין אין דער ערד, און דאס איז עס, זיי מיך נישט מחזק, איך בין געגוג מיואש אן דיין חיזוק, לייג מיר נישט צו קיין זאלץ צו די וואונדן

נישט, זיי הענגען שטארק, זיי האלטן אויס ווינטן, יא דאס איז פון מיר געווארן. קענסט גלייבן?

עס איז פריילִיך, עס איז א נייע וואונדערליכע בריאה, איך פראביר צו בליקן רעכטס בליקן לינקס, ווי זענען מיינע קאלעגע אלטע חברים, וואס האבן מיט מיר פארברענגט אינעם פריערדיגען גילגול, זייענדיג צוזאמען אינעם ערשטן טאמאטא, מען זעט זיי נישט, גארנישט געבליבן פון זיי, זיי האבן מיך אזוי שיין מספיד געווען, אזוי געוויינט אויף מיין קבר, און היינט ווייסט מען נישט ווי זיי זענען אהינגעקומען.

יא! דאס איז פון די וואונדער פונעם אייבערשטן, ווי לאנג דו ביסט נאך עפעס, קען פון דיר גארנישט ווערן, עס נעמט צייט, און צייט, ביז דו האסטיך געזען אלס א גארנישט, האסט געמיינט אז דו ביסט א שוין אינגאנצן גארנישט, אבער ווי א טאג שפעטער אונטער בלאטע אין זאמד, ביזטו געווער געווארן: "אויך מיר א גארניט..." און דאן ביסטו טאקע געווארן אויס, אינגאנצן אויס, יעצט האסטו דיך צוגעקלעבט און געווארן איינס מיטן אייבערשטן, די רגע וואס וואס דו ווייסט 'איך בין גארנישט, עס איז דער אייבערשטער', דעמאלסט ווערסטו א נייע בריאה, א פעסטע שטאנדהאפטיגע פארצווייגטע משפחה.

**באגראבן צום לעבן**

אוי ווי גערעכט, אוי ווי אמת'דיג זענען געווען די ווערטער פון מיינע אזוי גערופענע חברים "עס איז דערנאך מיט דיר, דו ביסט א פארפאלענער, דו ביסט א באמיסטיגטער, קוק דיך אן, דו ביסט אין גהינום, דו ביסט אין קבר, געענדיגט מיט דיר, אויס מיט דיר, פון דיר קען שוין גארנישט זיין, קוק ווי דו ליגט אין דער ערד."

יא, זיי זענען געווען גערעכט, אזוי פארפוילט, אזוי נאכגעלאזט, אזוי בשפל המדריגה, אלע מיינע רבי'ס, מגידי שיעורים, מיינע מלמדים, משגיחים, לערערין'ס אלע האבן געזאגט "דו האסט נישט קיין טשענ'ס, דאס איז עס, דו קוילערסטיך אין קבר אריין".

די נביאות זענען הייליג מקוים געווארן, אזוי האט טאקע פאסירט צו מיר, עס קען נישט זיין עפעס ערגער פון מיר. עס איז נישט מעגליך אז פון אזא זאך ווי איך, איך וואלט אפילו נישט געזאגט מענטש, א מענטש קומט נישט אן אזוי טיף, אזוי דערשלאגן.

מיין ליבער ברודער, מיין טייערע חבר איך האב דיר געוואלט זאגן, זיי נישט אזוי צורודערט, עס... סטאפ! הער יעצט אויף! די רגע סטאפ מיט דיין חיזוק! איך בין אין דער ערד, און דאס איז עס, זיי מיך נישט מחזק, איך בין געגוג מיואש אן דיין חיזוק, לייג מיר נישט צו קיין זאלץ צו די וואונדן.

אבער דאס האט מיר קיינער נישט געזאגט...

גראדע האט מען מיר יא געזאגט, אבער איך בין געווען אזוי איבערגעצייגט אז דאס איז זיכער נישט מעגליך, אז עס איז מיר נישט אריין אין די אויערן.

איך ווייס נישט פונקטליך וואס עס גייט פאר, אבער עפעס קאכט זיך דארט, עפעס באנייט זיך.

עס שטעלט זיך אויס , אלס למדן, אלס ידען, אלס פארשטייער, אלס גוטער בחור, אלס וואוילער יונגערמאן, אלס תכשיט פון די משפחה, אלס פשי... אלס פשאא... האט פון מיר גארנישט געקענט ווערן, ווי קען אזא שטארקע מציאות, ווי אזוי קען אזא שטארקע חפצא זיין איינס מיטן אייבערשטן, איך האב געמיינט אז איך בין נאנט צום אייבערשטן.

אבער ווען עס האט אנגעהויבן אריבערגיין אויף מיר ירידה נאך ירידה, טיף טיף טיף, צוגענומען מיינע זון שטראלן צוגענומען מיין אטעם, און איך האב באמערקט מיין ידענות, לומדות, פארשטייערשאפט, וואוילקייט, שיינקייט דאס קען נישט זיין איינס מיטן אייבערשטן, נאר דאן ווען "איך" בין באמת אויס, דאן בין איך געווארן איינס מיטן אייבערשטן.

די פארשעמטע ברסלב'ע ספרים איז מיר געווארן א חלק פון מיין לעבן, די קינדערישע לימוד פון רעדן צום אייבערשטן אויף יעדער טריט איז פלוצלינג געווארן מיין אטעם, דאס איז נאר געשען ווען עס איז געווארן אויס פון "איך", דער גארנישט דאס איז געווארן צוגעקלעבט צום אייבערשטן, פונעם פארפוילטער קערל שרייט ארויס: **"באשעפער העלף מיר, איך בין אין דיינע הענט, קיינער קען מיר נישט העלפן נאר דו, איך בעט דיך זיי מיט מיר יעדע רגע, ווייל איך קען נישט אן דיר!"**

**וידעתם כי אני ה' בפתחי את קברותיכם.**

גרשון קרעמער



# א וויכטיגע אונטערוואסער קאמיוניקאציע קעיבל צווישן פינלאנד און דייטשלאנד געשעדיגט

פארגאנגענעם מאנטאג חיי שרה איז א וויכטיגע אינטערנעט קעיבל וואס טוט פארבינדן פינלאנד מיט דייטשלאנד געווארן איבערגעשניטן. די אינצידענט האט פאסירט נעבן א שוועדיגע אינזל אויף די באלטישער ים. א מערהייט אינטערנעט באנוצער האבן נישט געשפירט די קורצשלוס, וויבאלד די סערוויס איז אריבער געגאנגען צו אנדערע קעיבלס וועלכע זענען ווייטער געווען אין דינסט.

ווען דו רופסט אן דורכן טעלעפאן א קרוב אין ארץ ישראל, אדער ווען דו באשטעלסט עפעס פון א וועבסייט פון א כינעזער פירמע, גייען רוב מאל די קאמוניקאציעס דורך פון איין עק וועלט צו די אנדערע, דורך פיזישע קעיבלס (דרונטן), דאס רעכנט אריין סיי טעלעפאן, איטערנעט און פילע אנדערע שנעלע קאמיוניקאציע מיטלען מיט וואס די וועלט באנוצט זיך היינט צו טאגס. דאס איז אנדערש ווי אסאך מיינען, אז די זאכן ארבעטן היינט בלויז ווייערלעס און עס פליעט דורך די סעטעלייטס.

די פילע קעיבלס ווערן דורכגעצויגן צווישן די לענדער און קאנטינענטן אוטערן די ריזיגע אקעאנען, און קענען פארנעמען די מיליאנען און ביליאנען קאמיוניקאציעס וואס פליסן דורך זיי יעדע סעקונדע און יעדע רגע. אבער וויבאלד זיי זענען א פיזישע פארבינדונג זענען פילע לענדער זענען באזארגט איבער זייער זיכערהייט, בפרט ווען די באציאונגען צווישן לענדער נעבן וואו זיי גייען דורך ווערן אנגעצויגן, און ספעציפיש נאכדעם וואס עס זענען פארגעקומען עטליכע אינצידענטן ווי פארשידענע לינעס זענען געווארן געשעדיגט.

די ווייטקייט פון די קעיבלס אונטערן וואסער ברענגט א טיף געדאנק: אפילו אזא שטארקע סיסטעם קען ווערן געשעדיגט. דאס איז א רמז פאר דעם מענטש'ס אייגענע לעבן – מלא טעכנאלאגיע, אייביגע געצייג און מעלדן, אבער נאך אלץ איז די נשמה ווילנערבאַר.

בשעת די וועלט איז פארנומען מיט'ן "פארזיכערן" די ווייערס וועלכע לויפן אונטער'ן וואסער, ווילן מיר לויפן זיך איינטינקען אונטערן וואסער, אריינטאנצן אין מקוה יעדן טאג, און זיך פארנעמען פון יעצט צו זיין גוט, דאס איז "פארזיכערט" פון יעדע פגע, און אפילו מען ווערט חלילה געשעדיגט, דער יצר הרע ווארפט אראפ, האבן מיר דעם פארזיכערט עצה פון הייליגן רבי'ן, צו לויפן אונטערן וואסער, זיך איינטינקען און זיך מכניע זיין פאר'ן אייבערשטן, און תיכף זאגן דעם תיקון הכללי.

מוהרא"ש פלעגט זאגן "ווען א מענטש זאל ווען וויסן וואס דער תיקון הכללי טוט פאר זיין נשמה, וואלט ער עס יעדן טאג געזאגט". מוהרא"ש פלעגט אלץ מעורר זיין אנשי שלומינו מען זאל זיך איינגעוואוינען צו זאגן דעם תיקון הכללי יעדן טאג נאכן דאווענען, נאך איידער מען טוט אויס די תפילין. ווייל אויסער דעם וואס דאס פארעכטעט אלעס, מען קומט ארויס פריש אפגעבאדן, איז עס מסוגל צו אלע ישועות, בפרט פרנסה.

די נאטא באאמטע האבן שוין געלאזט וויסן אז זיי קוקן איבער די זיכערהייט פון די פילע לינעס וואס לויפן פון און צו זייערע לענדער, סיי פון קאמיוניקאציע און אזוי אויך פון פייפס וואס ברענגען און טראגן גאזן און אנדערע זאכן.

נאטא און אנדערע אינסטאנצן ארבעטן שווער צו פארזיכערן די פיזישע קעיבלס וואס פארבינדן די גשמיות'דיגע וועלט. מיר ווילן ארבעטן צו פארשטעקערן אונזערע רוחניות'דיגע פארבינדונג צום אייבערשטן דורך רעדן צו אים, לערנען זיין תורה, און זיין דבוק אין צדיקים.

און בשעת די פירמעס פארשן אויס וואס דא איז פארגעקאנגען ווער עס האט עס געשעדיגט, פארוואס און וויאזוי, ווילן מיר געדענקען וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערענט "אין שום יאוש בעולם כלל", אויב דו גלייבסט אז דו קענסט קאליע מאכן, דארפסטו אויך גלייבן אז דו קענסט פארריכטן.



# גרויסע אמעריקאנער ביליגע עירליין ”ספיריט” באנקראטירט

אין די וועלט איז ערשינען אין די לעצטע יארן אן אינדוסטריע פון ביליגע עירליינס, וואס האט געטוישט די גאנצע עירליין אינדוסטריע. בעפאר די תקופה פון די ביליגע עירליינס פלעגן די סערוויס אויף די פליגערס זיין אסאך בעסער, עס זענען געווען ווייניגער אפצאלן, די זיצן ברייטער, אבער זייט די ביליגע עירליינס זענען אריינגעקומען, וואס האבן געאפערט ביליגע טיקעטס אבער מיט שוואכע סערוויס, האבן די אלגעמיינע עירליינס אויך געמוזט נאכטאנצן זייערע משוגעת'ן כדי צו קענען קאמפיטן מיט זייערע ביליגע פרייזן.

די וואך האט איינע פון די פראמינענטע אמעריקאנער ביליגע עירליינס ”ספיריט עירליינס” געפיילט פאר בענקראט שוץ, נאכדעם וואס זייער פראבע זיך צוזאם צו שטעלן מיט אן אנדערע ביליגע עירליין ”פראנטיער עירליין” איז דורכגעפאלן.

די וועג וויאזוי די פירמע האט אפערירט איז געווען דורך פרובירן צו צושטעלן די ביליגסטע פרייז אויף די מארקעט, אבער ביים אנקומען צום לופטפעלד זענען די קאסטומערס געווענליך געווארן אנטוישט ווען זיי האבן געדארפט צוצאלן פאר יעדע זאך, ווי פעקעלעך, אויסוועלן א זיץ, אדער באקומען צו עסן אויפן פליגער.

כאטש זיי האבן געהאט מער קאסטומערס פון פאריאר, און זייערע טיקעטס זענען געווען ביליגער, זענען אבער זייערע קאסטן שטארק ארויף, און היינט צו טאגס טראגט זי א לאסט פון א ביליאן דאלער חובות, א זאך וואס האט ווייטער נישט געקענט אנגיין. די פירמע האט געזאגט אז זינט פינף יאר צוריק זענען ארויס יעדעס יאר אן קיין שום ריווח, און ביזדערווייל האט זיך אנגעזאמעלט דער גרויסער בארג פון חובות, פון וואס זיי קענען זיך נישט ארויסזען.

דער עירליין האט געזאגט אז כאטש זיי האבן געפיילט באנקראט, גייט דער עירליין ווייטער אן, און אלע וואס האבן געקויפט טיקעטס וועלן ווייטער סערווירט ווערן, און נאך מער, מען קען נאך אויך בוקן טיקעטס אויף ווייטער.

”אויב מען זוכט בלויז דער גרויסער נומער וואס יעדער זעט, איז עס א גוטע רעצעפט פאר באנקראט” האט זיך א פראמינענטער אנאליסט אויסגעדרוקט, ”די קאסטומערס זענען נישט נאריש, זיי זעען זייער שנעל אז דער ביליגער פרייז איז געפאפט, ווען באמת צאלט מען ארויף אויף די פעקלעך”.

די זעלבע זאך טוט דער סמ”ך מ”ם מיט אונז, ער פרובירט אונז אויסצונארן צו כאפן א גוטע דיעל וואס זעט אויס שיין, ”שייד זיך אפ פון דיין משפחה, לעב מיט פרישות און חומרות”, אבער מיר טארן זיך נישט לאזן פון אים, ווייל דערנאך צאלט מען ארויף א טייערע פרייז. צדיקים זאגן אונז אז מען קען נישט דינען דעם אייבערשטן אויב מען האט נישט קיין שלום בית.

די זעלבע זאך מיט מחלוקת, ער פרובירט אונז צו דרייען דעם קאפ אז מען דארף קעיר נעמען פון דעם אדער פון יענעם, אבער מיר דארפן געדענקען אז אן ערליכער איד קען מען נישט דערקענען פון אינדרויסן, ער קען אויסזען פונקט ווי א פשוטער מענטש, אבער ווען מען טשעפעט אן ערליכער איז איז די פרייז זייער טייער.

דערפאר דארפן מיר שטיין ווייט פון מחלוקת ווי פון פייער, און בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג מיר זאלן ארויסגיין מיט ריווח פון דער וועלט און זיך נישט לאזן נארן פון די גלאנציגע פאלשע גליקן.

## ווער נישט פארנארט!

# געדאנקען

## דארפישע גריז
# גרייזיגע משניות

## שבת

ביינאכט פרשת לך לך, אהיימגייענדיג פון שול, האמיר אהיימשפאצירט מיט'ן דיין שליט"א, רופט זיך אן צו מיר דער דיין שליט"א אז ער האט זייער הנאה געהאט פון די שיחה פון דער ראש ישיבה וואס איך האב אים איבערגעזאגט די וואך, אז איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה (כמדומה איז דאס געווען חול המועד אין די סוכה פון ר' אברהם אלי' פרידריך נ"י) וואס רעדט מען ביי התבודדות? דער ראש ישיבה רעדט אסאך מאל פון דעם אז אויסער דעם וואס מען "בעט" דעם אייבערשטן וואס מען דארף, דארף מען אויך "שמועסן" מיט'ן אייבערשטן, און דערציילן זאכן פאר'ן אייבערשטן, איז, וואס שמועסט מען?

האט דער ראש ישיבה געזאגט עטליכע שיינע הארציגע ווערטער, ווי מ'זאגט ווי שטארק מ'וויל זיין א ערליכער איד, מ'זאגט: "הייליגער באשעפער, ווען וועל איך שוין לעבן מיט עלמא דאתי? ווען וועל איך שוין געדענקען א גאנצן טאג אז ס'איז דא א יענע וועלט?!" און דער דיין האט דאס איבערגעזאגט אז ער נוצט אסאך דעם ווארט און ס'איז אים מעורר צו געדענקען אויף וואס מ'איז געקומען אויף דער וועלט, אוי טאטע זיסער, ווען וועל איך שוין געדענקען א גאנצן טאג אז ס'איז דא א יענע וועלט...

אזוי שמועסענדיג איז דער דיין שליט"א אריין אין א שמועס פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר, און דערציילט דעם סיפור ווי דאקטאר קיש, דער גרויסער הארץ דאקטאר האט געזאגט אז דער רבי וועט מוזן אנהייבן צו שפאצירן יעדן טאג אלץ געזונטהייט אויפפאדערונג, פאר'ן וואויל זיין פון זיין הארץ. דער שפאציר האט אנגעהאלטן איין טאג... דער רבי האט אראפשפאצירט בעדפארד עוועניו, א לינקס אויף ראטלידזש, א לינקס אויף לי, א לינקס אויף קליימער, און אהיים. נאך איין טאג שפאצירן איז די זאך בטל געווארן... דער רבי האט בכלל נישט געהאט קיין חשק דערצו...



דער הייליגער סאטמאר רבי זכותו יגן עלינו

די מעשה ווערט געברענגט מיט די פרטי הדברים אין די זכרונות פון הרה"ח מו"ה אהרן יודא שווארץ הי"ו לאורך ימים ושנים, וואס ער האט געהאט די זכי' צו משמש זיין דעם רבי'ן.

דארט ברענגט ער אויך דעם רבי'נס שטרענגע פאדערונג אז מ'מוז אויסלערנען בחורים צו גיין נאך געלט, דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט זייער שארף ווען עפעס א באלעבאטישער איד האט נישט געשמעקט אז זיין זון זאל גיין נאך געלט, פארשלאגנדיג אז ער וועט מסלק זיין די געלט וואס זיין זון קען אריינברענגען ביים גיין נאך געלט, דער רבי האט נישט מסכים געווען דערצו בשום אופן!!!!

דער רבי האט אויסדרוקליך געוואלט אז מ'זאל גיין נאך געלט כדי זיך אויסצולערנען צו זאמלען צדקה פאר א צווייטן איד!! (עיין שם ויונעם לך די זיסע געשמאקע דערציילונגען פון הר"ר אהרן יודא הי"ו).

ברוך השם איך האב הכרת הטוב פאר דער ראש ישיבה שליט"א וואס דערמאנט אונז וואס צדיקים האבן אונז געלערנט, די וויכטיגקייט פון גיין נאך געלט, ברוך השם אדאנק די התעוררות פון דעם ראש ישיבה און מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, האב איך געהאט די זכי' גיין נאך געלט, און ברוך השם כ'האב זוכה געווען צו ברענגען א מיליאן דאלער פאר אונזער חשוב'ע כולל היכל הקודש, וואס געפינט זיך אין בית המדרש אויף האשקי גאס אין קרית ברסלב, ליבערטי ניו יארק, וואו די אינגעלייט לערנען בהתמדה רבה, אי"ה דאס יאר תשפ"ה פלאנט מען א בחינה אויף "גאנץ הלכות שבת"! יא! איר הערט גוט! אין קרית ברסלב גייען זיך די כולל אינגעלייט פארהערן "גאנץ הלכות שבת"!

פאר הלכות שבת האבן די לומדי

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

הכולל דורכגעלערנט יורה דעה חלק ב׳ און זיך פארהערט ביי גדולי הרבנים שליט"א, דער כולל שטייט בנשיאות הראש ישיבה שליט"א, און דער דיין שליט"א דינט אלץ ראש הכולל, לויט׳ן פלאן וועט די כולל בעזרת השם ביז צוויי דריי יאר צושטעלן א צאל מורי הוראות וואס איז נייטיג פאר די וואוקס פון קהילת היכל הקודש, צו פארגרינגערן פאר׳ן דיין שליט"א וואס ענטפערט שאלות א גאנצן טאג, פון אינדערפרי ווען דער דיין קומט אין שול, ביז צוועלף איינס ביינאכט און אסאך מאל שפעטער אויך.

אויך האט דער דיין שליט"א דערציילט אז רביה"ק מ׳סאטמאר האט אמאל געפרעגט א איד ער איז ער זאגט תהלים, זאגט ער יא, פרעגט דער רבי ווען זאגסטו תהלים? זאגט ער אז די פינעף מזמורים נאך ברוך שאמר, דאס איז זיין תהלים-זאגן, זאגט דער רבי "תירוצים אהער תירוצים אהין, מיר האבן בקבלה אז דער וואס זאגט דעם יום תהלים וועט זוכה זיין צו תשובה".

און דער רבי ברענגט טאקע אין ספר הקדוש ויואל משה (מאמר ישוב ארץ ישראל סימן ק"נ) די גאנצע ברסלב׳ע שמועס אז די מבול פון אפיקורסות וואס וועט זיין פאר משיח וועט קומען וועט אריינשפריצן צווישן די ערליכע אידן, און מען וועט זיך נישט קענען אן עצה געבן, וכל שרי המלוכה יתפזרו ולא יתחזק מלכות שמים אלא עם פשוטי עם שאומרים תהלים בפשיטות, די גאנצע

עס וועט זיין שיינע באַ׳טעמ׳טע אידן וואס וועלן זינגען אויפ׳ן אויבער-קול מיט א באסאווע שטימע: "מיר מיינען נישט קיין כבוד מיר מיינען נישט קיין געלט".

מלכות שמים וועט זיך האלטן נישט אויף די שרי המלוכה, נאר אויף די פשוט׳ע תהלים זאגערס. און דער רבי ענדיגט צו דארט אין ויואל משה אז דאס איז געווען א רוח הקודש אז דער רבי האט פאראויסגעזאגט וואס וועט זיין מיט אונז פאר משיח וועט קומען.

און אז דאס איז נישט גענוג, ברענגט דער רבי איבער די גאנצע שמועס נאכאמאל אין דעם הייליגן ספר על הגאולה ועל התמורה, און לייגט דארט צו נאך מער (סימן פ"ו) וצריך לכל איש יהודי המאמין והבוחר בתורה ובמשה עבדו ובנביאי האמת וצדק שיתחזק ויתאמץ בדבריהם הקדושים.

דער רבי ברענגט דארט אין ויואל משה דעם משל וואס איז געדרוקט אין ספר כוכבי אור (סיפורים נפלאים אות ד׳) אז ס׳איז געווען א קעניג וואס פלעגט גיין אויף יַאגד, כאפן חיות, איינמאל האט אנגעהויבן גיין א שטארקע רעגן און אלע שרי המלוכה זענען זיך צולאפן זיך שיצן פון די שלאקס רעגן, און דער קעניג איז געבליבן אליין, א פראסטער דארפסמאן האט אים אריינגענומען, און דער קעניג האט זיך מחי׳ געווען מיט די פראסטעווארימע גריז, און הארטע ווארימע בעט. נאכ׳ן רעגן קומען די מיניסטארן זיך מאכן באַ׳טעמ׳ט, "אוי ווי קעניג, ווי איז אונז אז דו ביסט ניעט אין פאלאץ, לאמיר דיך אהיימטראגן".

זאגט דער קעניג: "איך גיי נישט מיט ענק אין ערגעץ! נעכטן ביים רעגן האסטו געקוקט אויף זיך! און יעצט מאכסטו א שיינע שפיל אז דו זארגסט פאר׳ן קעניג! דער דארפסמאן מיט די דארפישע גריז, ער וועט מיר אהיימפירן און מיר אנטון מיין קרוין! דער דארפסמאן זארגט פאר׳ן קעניג, און די שרי מלוכה זארגן פאר זיך".

דאס וועט זיין פאר משיח וועט קומען! עס וועט זיין שיינע באַ׳טעמ׳טע אידן וואס וועלן זינגען אויפ׳ן אויבער-קול מיט א באסאווע שטימע "מיר מיינען נישט קיין כבוד מיר מיינען נישט קיין געלט" און אין דער זייט וועט זיך זיצן א אידל און זאגן תהלים און בעטן **"הייליגער באשעפער איך וויל דיך האבן ביי מיר אין שטוב, באשעפער איך האב פאר דיר אביסל דארפישע גריז, אביסל חומש, אביסל גרייזיגע משניות, אביסל אומגעטייטשטע גמרא, אביסל טרוקענע תהלים, דאס האב איך, איך בין א פראסטער נידעריגער דארפסמאן, איך בין דורך געפאלן מיט גראבע עבירות, איך ווייס אז איך האב געטון נישט גוט, אבער יעצט וויל איך זיין גוט, איך בעט דיך אייבערשטער, איך וועל דיר אנטון דיין קרוין, איך וועל דיך מאכן בעל הבית אין מיין שטוב, איך וועל זיך אראפ בייגן מיין קאפ ווען מיין ווייב איז נישט אין א גוטע גוסטע, איך וועל געדענקען אז דער אייבערשטער געפינט זיך דא"..**



# מעשיות פון תפילה

שמעון גאלדבערגער
בני ברק

1. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן טאג טעגליך ער זאל מיר העלפן זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה. ווען עס איז אנקומען די צייט וואס מען האט געדארפט ערלעדיגן דעם בעט ביים בנין אין אומאן איז אויפגעקומען דער פראבלעם פון ווי נעם איך די געלט, ווי אזוי באקום איך א בעט צוזאמען מיט אנ"ש, האב איך צוגעלייגט צו די טעגליכע תפילה צום אייבערשטן אז איך וויל זיין מיט אנ"ש אין בנין אויף ראש השנה.

שכח אייבערשטער אז נאך אסאך תפילות איז אנגעקומען דער לאנג האפענונג'ס בשורה אז ברוך השם איך האב א בעט. און שכח אייבערשטער איך האב געקענט זיין אין אומאן מיט אנשי שלומינו און אויסבעטן א זיס לעכטיג יאר.

2. עס דערנענטערט זיך דעם גרויסן טאג וואס מען דארף זיך ארויסלאזן קיין אומאן אויף ראש השנה, איך האב געזוכט א ממלא מקום זאל מיר איבערנעמען ביי די ארבעט אין די טעג וואס איך וועל זיין אין אומאן, אבער איך קריך אויף די גראדע ווענט, הייליגער באשעפער פון וואו נעם איך א שטעל פארטרעטער.

שכח אייבערשטער אז נאך אסאך הארציגע תפילות און אזוי אויך נאכן צוזאגן אז איך וועל מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אין קרית ברסלב בלעטל האב איך ברוך השם געטראפן א ממלא מקום.

3. אין די טעג פון ערב ראש השנה האב איך געהאט מורא'דיגע קאפ ווייטאג וואס לכאורה האב איך אויסגעצויגן א מוסקל.

מיט גרויסע חסדים און רחמנות פון הייליגן באשעפער, און נאך הייסע הארציגע תפילות אז ער זאל זיך מרחם זיין אויף מיר אז איך זאל נישט פארלירן דעם ראש השנה, איז די ווייטאג אוועק ווי עס איז קיינמאל גארנישט געווען.

כולל
היכל
הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## אשריכם מחזיקי תורה!

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

# הר"ר **מרדכי היימליך** הי"ו

# הר"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו

## פרנס חודש חשון

און די חשוב'ע נדבנים פון די פארגאנגענע חדשים

**פרנס חודש ניסן:** הר"ר **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, הר"ר **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** הר"ר **אהרן קליטניק** הי"ו, הר"ר **יעקב פיש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** הר"ר **בניהו אונגאר** הי"ו, הר"ר **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** הר"ר **משה בראדי** הי"ו, הר"ר **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש אב:** הר"ר **אליהו ציג** הי"ו, הר"ר **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו
**פרנס חודש אלול:** הר"ר **יואל טייטלבוים** שליט"א, הר"ר **יואל הכהן ראזנבערג** הי"ו
**פרנס חודש תשרי:** הר"ר **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, הר"ר **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

*משה ארי' שניצלער - מנהל הכולל*

# קוק אהער

# א שפאציר אין כולל בקיצור!

אה יענער טאג... ס'איז אזוי גוט געווען, אזוי זיס געווען. נאכן מאכן תפילות אומאויפהערליך האט דער אייבערשטער מיר געהאלפן און איך בין אויפגעשטאנען רעלאטיוו פרי. איך האב געקענט אריינכאפן לערנען אביסל פארן דאווענען, דאווענען א געשמאקע דאווענען. לערנען אביסל נאכן דאווענען. אריינגעכאפט א פיינע התבודדות - זיך גוט אויסגעשמועסט מיטן אייבערשטן אלעס וואס גייט אויף מיר איבער, געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיר אן א שיעור, און אהיימגעגאנגען אפשיקן די קינדער אין חדר און עסן פרישטאג.

ס'שרייבט זיך אזוי געשמאק ווי אלעס איז געפארן געשמירט ווי פון א ביכל ארויס, אבער דאס איז געווען יענער טאג. די מציאות איז אז איך האב געהאלטן נאך חדשים בלי גוזמא פון בעטן דעם אייבערשטן אז מיין טאג זאל מיר פארן געשמאק. נאכן האבן אסאך סבלנות האט מיר דער אייבערשטער געהאלפן אז איך האב טאקע געהאט אזא טאג, אזוי עכט כסדר, אלעס איז געפארן געשמירט.

אויפן וועג צו די ארבעט האב איך זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן פרנסה צו קענען אהיימברענגען סוף וואך פאר די ווייב און קינדער, ס'זאל זיין גרויס שפע - דער ראש ישיבה זאגט דאך אז אידישע קינדער מוזן האבן שפע! דער ראש ישיבה פרעגט פאר וועמען איז ביזנעס קלאס אויפן פליגער געמאכט? פארן גוי?! נעעעע נאר פאר אידישע קינדער, אידן דארפן לעבן באקוועם, אידן דארפן שפע... אייבערשטער העלף איך זאל האבן גרויס שפע!

אייבערשטער העלף אז מיינע קליענטן זאלן זיין צופרידן פון מיין ארבעט, ס'זאל נושא חן זיין ביי זיי, זיי זאלן זיין וויליג צו באצאלן פאר דעם.

אייבערשטער העלף איך זאל האבן גוטע געדאנקען צו קענען צופרידן שטעלן מיינע קליענטן, איך זאל קענען זיין קריעטיוו, אויפקומען מיט נייע בייפעלער. אופס איך בין שוין אנגעקומען אין אפיס!

ר' משה ארי' ענטפאנגט מיר מיט א פיינע דשוסי גוט מארגן... אלעס איז אזוי געשמאק און זיס, שכח אייבערשטער פאר דער יאממי שטעטל, פאר מיין זיסע געשמאקע לעבן.

דער אייבערשטער האט מיר געענטפערט מיינע תפילות, די טאג איז געפארן ווי א פידל... אלעס האט געקלאפט ווי א זייגער, איך האב נאך אריינגעכאפט צו הערן צוויי שיעורים פון דער ראש ישיבה אינמיטן טאג, אלעס איז געפארן כסדרן - איך געדענק שוין לאנג נישט אזא מחיה'דיגע טאג.

5:25 האב איך זיך שוין ארויסגעזעגנט פון אפיס נאכן אפענדיגן פאר יעדן איינעם זיינע זאכן... יעדער איז ברוך השם ארויס צופרידן, איך בין שוין אויפן וועג צו דאווענען מנחה מעריב.

זייגער זעקס בין איך שוין געווען אינדערהיים, געגעסן א פיינעם רייכן נאכטמאל מיט מיין משפחה וואס מיין טייערע ווייב האט אנגעגרייט. נאכדעם האב איך אביסל געלערנט מיט די קינדער, זיי געבאדן און זיך געזעצט לערנען נאך אביסל.

די קליינע פייל פון ספרים נעבן מיר האט זיך שוין עטוואס פארגרעסערט נאך באלד א שעה, איך בין פארזינקען טיף אין די גמרא אין מסכת סנהדרין, אזעלכע זיסע געשמאקע דפים, ס'פארט איינס נאכן צווייטן. און מיין טעלעפאן צו קלינגט זיך...

איך געב א קוק - אה ער... איינער א באקאנטער פון מאנסי... וואס קען ער יעצט וועלן פון מיר?

איך ענטפער דעם טעלעפאן "יא העלוי?! וואס מאכסטו? וואס קען איך דיר העלפן?"

"אה וואס מאכסטו?! איך וועל דיר זאגן ס'איז מיר נישט בעצם נוגע דאס וואס איך וויל דיר פרעגן, איך בין נאר סתם נייגעריג, איך וויל סתם וויסן, אבער נישט אז ס'איז מיר נוגע..."

"אקעי...פרעג מיין פריינד פרעג... וואס קען איך דיר העלפן?"

"יא סאָו איך וויל נאר וויסן אויב ביי ענק שמעקט מען אויך די וואלד פייער? נאכאמאל, נישט אז ס'איז מיר נישט נוגע, נאר סתם איך וויל וויסן..."

"איך בעט אייך אנטשולדיגונג, אבער איך האב נישט קיין אנונג פון וואס איר רעדט, וואו איז דא א וואלד פייער?"

"אה דו ווייסט נישט? אין קרית יואל קען מען עס שמעקן... ס'ברענט ערגעץ ביי ניו דזשערסי אדער אין ניו יארק,

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



איך בין אליינס נישט זיכער… ס'ברענט א ריזיגע וואלד פייער, מ'קען עס שמעקן אין אסאך געגנטער, דו זאגסט אבער אז ביי ענק שמעקט מען עס נישט… אהא…"

"האסט טאקע גארנישט געהערט פון די וואלד פייערן?"

"נאופ!"

"הע הע, דו לערנסט שוין נישט אין כולל, בקיצור!"

"ניין, געלויבט דעם אייבערשטן אז איך לערן נישט אין כולל-בקיצור!"

נישט אז איך האב קיינמאל נישט געלערנט דארט, פיין האב איך פארברענגט אין כולל-בקיצור, דעמאלט האב איך טאקע מיטגעהאלטן אלע וואלד פייערן, איך פלעג טאקע דעמאלט אויך קלינגען מענטשן צו הערן אויב ביי זיי זעט מען אויך דעם ליקוי חמה, און אויב אויף יענע גאס האט מען אויך געזען א בער.

איך בין אמאל געווען פולי אפ טו דעיט, אויף אזוי ווייט אז אפילו ביינאכט פלעג איך לערנען אין כולל-בקיצור. איך האב כלומר'שט געלערנט מיט מיין חברותא, איך געדענק נאך ווי היינט, ווען טראמפ האט די ערשטע מאל געמאלדן אז ער גייט לויפן… וואס האב איך דעמאלט געהאלטן? איך געדענק שוין נישט… אזוי פיל געדענק איך יא אז מיר האבן זיך גוט פארלערנט אין כולל-בקיצור ביז אין די נאכט אריין… צום סוף שמועס איז געבליבן אז יענע משפיע פון ארץ ישראל איז טאקע יא עפעס העכערס…

זייט מיר מוחל אבער איך געדענק שוין נישט ווי אזוי פון טראמפ איז מען אנגעקומען צו יענעם משפיע, איין זאך געדענק איך אז אין כולל-בקיצור איז געגאנגען א רויך!!!

ס'געפארן שמירת הזמנים צעטלעך מיט קאצקע צוקערלעך. אוי האט מען געשעטיפט די צייט מיט קאווע און ציגערעטלעך ביי די נאכט סדרים… אהההה די זיסע זכרונות פון כולל-בקיצור, איך האב נישט געוואוסט וואס מיין נאמען איז, אבער א ידען אין יעדן ענין בין איך געווען…

פאר עפעס א סיבה בין איך געזיצן אין כולל, איך ווייס אויך נישט פארוואס, ווייל באמת איז כולל געמאכט פאר אינגעלייט וואס ווילן באמת לערנען א גאנצן טאג, אזוי ווי אלע וואס באזוכן אין שטעטל קענען מעיד זיין, אז די כולל היכל הקודש צייכנט זיך אויס גאר שטארק דערמיט. מען זיצט און מען לערנט, מען באמערקט ניטאמאל אז איינער איז יעצט אריינגעקומען, אפילו ווען דער ראש ישיבה קומט אריין באמערקט מען דאס נישט.

אבער איך רעדט דא פון די כולל-בקיצור, וואס מען זיצט דארט ווייל איך ווייס אויך נישט פארוואס.

און דא טרעף איך זיך אפאר יאר שפעטער, טאקע נישט קיין כולל-בקיצור'דיגע אינגערמאן… אבער איך רעד שיין צו מיין ווייב, און ווען איך דארף עפעס בעט איך דעם אייבערשטן. טאקע נישט קיין מעמבער אין די חבורה וואס שאקלט זיך מער די עובדישע מין שאקל, אדער דארט ווי יעדן ליל שישי גייט א קעסטל יין שרף בלבוש שיעור אין קדושת לוי…

ניין איך בין נישט דער זיסע אויסגעצוקערטע אינגערמאן וואס האט אן עקסטער גרופ פאר די מאנסיער נייעס, און עקסטער די שטאטישע נייעס, און די וועטער פארשטייט זיך, און נאכדעם די עידש גרופ, און די כולל גרופ דאס איז דאך דברים פשוטים….

איך גיי נישט האבן דעם חנוכה צען פשעטלעך אויף כבתה צו קענען אימפרעסן מיין שווער, און איך ווייס אויך נישט ווער ס'איז דער 'ריכטיגע' קאנדידאט פאר די עתיד פון כלל ישראל… איך האב נישט קיין דעה וועלכע זייט פון יענע צוטיילטע חסידות איז גערעכט. אויך בין איך נישט באקאנט צו דער אינגערמאן האט טאקע געהאט א ריכטיגע היתר מאה

רבנים... איך בין אויך נישט באקאנט וועלכע בעקיטשעס האלטן זיך לענגער, פון דשי און דשי, אדער דשי בי, אדער גאר פון גלויבערס איך האב נישט קיין בלאסן אנונג...

אבער....

אבער איך בענק צום אייבערשטן, און וואס איך דארף בעט איך דעם אייבערשטן, און מיין ציל פונעם טאג איז צו קענען דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין אין שול פון אנהייב דאווענען ביזן סוף.

איך האב שוין טאקע נישט די שיינע נאמען אלס איינער וואס זיצט אין כולל, אבער איך האב שוין צענדליגע מאל מסיים געווען ששה סדרי משנה, און אינעם גאנצן יאר איז מיר קיין איין טאג נישט פארביי אן קיין לימוד התורה! קיין איין שבת האב איך נישט גענומען דעם בעכער אין האנט איידער איך האב מעביר סדרה געווען דעם גאנצן פרשה מיט רש"י!

נאכאמאל איך דריי מיך טאקע ביי די ... אבער איך ליין קריאת שמע מיט מיינע קינדערלעך, און איך לאז אפאר טרערן זיי זאלן אויפוואקסן ערליכע אידן!

אפשר קוקסטו מיך אראפּ אז איך בין נישט פון די ... חבורה, אבער איך פארלאז מיך נישט אויף קיינעמס הילף, נאר וואס איך דארף בעט איך דעם אייבערשטן, און איך בין נישט ברוגז אויפן אייבערשטן אויב איך האב נישט וואס איך האב מיך אויסגעמאלן...

איך ארבעט שווער א גאנצן טאג צו ברענגען פרנסה אין שטוב, אבער פארן ארבעט און נאכן ארבעט האב איך שיעורים אין כל התורה כולה!

קען זיין אז דו לאכסט פון מיר אז איך "דאווען" גמרא... האב איך פאר דיר גרויס נייעס דו ביסט נישט גערעכט, איך דאווען נישט נאר גמרא, איך דאווען חומש רש"י, נ"ך, משניות, תוספתא, גמרא בבלי, גמרא ירושלמי, תיקונים, מדרשים, שלחן ערוך, דעם רבינ'ס ספרים, און נאך.... יא איך בין פון די פשוטע... איך דאווען כא כא... אבער אין מיין ספרים שאנק אויבן אין הימל דארף מען יעדע צוויי דריי וואכן צולייגן נאך א שעלף...

## אין מיין ספרים שאנק אויבן אין הימל דארף מען יעדע צוויי דריי וואכן צולייגן נאך א שעלף...

יא עס איז דא אסאך העכערע פון מיר, מער דערהויבענע וואס ממש זיי האבן עס! אבער מיין הארץ בענקט צום אייבערשטן. וויפיל טרערן האב איך שוין פארגאסן אז איך וויל זיך נישט נערן, איך וויל אמת'דיג זיין אן ערליכע איד, איך וויל זיך נישט טרעפן א חוזק דעם לעצטן טאג... אפּגעברענט א לעבן צו זיין א נארמאלע מענטש...

אויייי ווי פרייליך דארפן מיר זיין אז מיר זענען יא מקורב צום צדיק אמת, מיר זענען זוכה צו א זיסע יאממי לעבן מיטן אייבערשטן, מיר לעבן מיט תכלית, נישט מיט שטותים והבלים....

מיר האבן זוכה געווען צום דרך הלימוד, אהההה אזוי לאָקי זענען מיר, יא געהאלטן נישט געהאלטן, נאך א סיום און נאך א סיום, אוי ווי זיס צו קענען שפאצירן אין די הייליגע תורה!

אין ספר עצתו אמונה חלק ט' מכתב תתק"ד שרייב דער ראש ישיבה : נאך די חתונה וועסטו זיך קובע זיין צייט צו לערנען און אויך וועסטו ברענגען פרנסה, חכמינו זכרונם לברכה זאגן "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון" עס איז גוט מען זאל לערנען און ארבעטן, אזוי איז נישט דא קיין צייט צו טון נארישקייטן.

דער ראש ישיבה לערנט אונז א וועג צו לעבן, א וועג צו טראכטן, קוק נישט אויף קיינעם, זיי נישט יענעם מקנא, טראכט נישט מארגן גיי איך... אדער מע וואס בין איך שוין... כאפּ יעדע סעקונדע וואס דו קענסט, און טו מיט דעם תכלית! קלעב דיך צו צום אייבערשטן און קיינמאל לאז נישט אפּ!

דער ראש ישיבה זאגט אז מוהרא"ש פלעגט זאגן וואס מיינט דביקות בשם? אויב וועסטו נעמען צוויי שטיקלעך פאפיר און זיי צוזאמען קלעבן, דערנאך ווען דו וועסט עס וועלן צוטיילן וועט אייביג מיטקומען א שטיקל פון די צווייטע פאפיר, דאס מיינט דביקות בשם. אפילו ווען ס'גייט אריבער א שווערע טאג און איך טראכט נישט פונעם אייבערשטן, אבער דאך איז דער אייבערשטער צוגעקלעבט צו מיר, וואו איך גיי קומט אלץ מיט א שטיקל אייבערשטער!

שכח אייבערשטער אז איך ברען נישט אפּ מיינע טעג אין יארן אין די אזוי גערופענע כולל-בקיצור... איך בין זוכה צו לעבן מיט תכלית, אויסנוצן די טייערע צייט נאר אויף תכלית, נישט זיין פארנומען מיט אלע שטותים וואס זוכן נאר אויסצורייסן דעם מענטש און אים אוועקטראגן פונעם אייבערשטן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו !**

# היכל הלכה



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה
זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ג סעיף י' י"א

**הקדמה קצרה:** די פרוי וואס צינדט די שבת ליכט,(97) איז מוציא אלע אנדערע מענטשן פון די שטוב, דער מאן און די קינדער, סיי די יונגלעך און סיי די מיידלעך.

אבער ס'איז דא א חילוק צווישן די פרוי וואס צינדט און אלע אנדערע וואס זענען יוצא מיט איר, די פרוי וואס צינדט, איז אטאמאטיש מקבל שבת ווען זי צינדט,(98) חוץ אויב זי נעמט זיך אויס, אז זי איז נישט מקבל שבת מיטן צינדן, ווי מיר ווען נאך ערקלערן אם ירצה השם..

אבער אלע אנדערע וואס זענען יוצא מיט איר, זענען נישט מקבל שבת, און מעגן נאך טון מלאכות נאך ליכט צינדן.(99)

**ס"ט)** היות די פרוי איז מקבל שבת מיט'ן צינדן, דארף מען אין אכט נעמען עטליכע הלכות וואס גייען אן נאכדעם וואס מ'האט געצינדן; און מ'האט זיך נישט אויסגענומען אז מ'איז נישט מקבל שבת:

1] זי קען שוין נישט טון קיין מלאכות, אבער זי מעג בעטן אַ צווייטן צו טון אַ מלאכה.(100)

2] בפשטות קען זי שוין נישט עסן/טרינקען ביז קידוש - אבער זעה הערה (101)

3] אויב זי האט נישט געדאווענט מנחה קען זי שוין נישט דאווענען.(102)

**הקדמה קצרה:** א פרוי איז טאקע מקבל שבת ווען זי צינדט, אבער אוודאי מעג זי צינדן אלע ליכט, ווייל אלע ליכט וואס זי צינדט איז אַ חלק פון די מצוה,(103) נאך מער שטייט אין די פוסקים,(104) אז זי איז ערשט מקבל שבת ווען זי זאגט די ברכה.

**ע)** לויט דעם קומט אויס אז זי מעג נאכן צינדן אויסלעשן די שוועבל.(105)

**ע"א)** אגב! יו"ט איז אסאך הארבער, אפגערעדט די וואס צינדן פאר די סעודה.(106) יום טוב טאר מען נישט אויסלעשן די שוועבל ווייל ס'איז דאך יו"ט, אפילו די וואס צינדןביים זמן,(107) אויב זאגט מען די ברכה פארן צינדן, דעמאלט איז מען דאך מקבל יו"ט גלייך ביים זאגן די ברכה, קומט אויס אז צינדן מעג מען יו"ט אבער אויסלעשן די שוועבל איז אסור!

**ע"ב)** אזוי אויך טאמער זי זעט אז איין ליכט האט זיך אויסגעלאשן, אדער זי האט עס בכלל נישט אנגעצינדן, אויב זי האלט נאך פאר די ברכה קען זי עס נאך אנצינדן, אבער אויב האט זי שוין געזאגט די ברכה, קען זי עס נישט אנצינדן, דעמאלט זאל זי בעטן דעם מאן.

**ע"ג)** אמת טאקע מ'קען זיך אויסנעמען אז מ'איז נישט מקבל שבת, אבער מיר פסקנ'ען (מג"א)(108) אז ס'דארף זיין אַ צורך! למשל מ'וויל פארן צו די עלטערן, אדער מ'וויל פארן צו אַ שמחה אדער באזוכן אַ חולה וכדומה(109), אדער מ'איז הונגעריג/ דאָרשטיג,(110) וכדומה.

**ע"ד)** אפילו מ'זאגט נישט ארויס די תנאי מיט'ן מויל, נאר מ'טראכט אז מ'וויל נישט יעצט מיט'ן צינדן מקבל שבת זיין, איז אויך גוט.(111)

**ע"ה)** די פוסקים שרייבן אז אפילו מ'זאגט אדער מ'טראכט אז איך וויל נאך טון יענע געוויסע מלאכה, אפילו מ'האט נישט קלאר אינזינען געהאט אַז מ'איז נישט מקבל שבת, איז עס אויך גוט.(112)

**ע"ה)** אַ מאן וואס צינדט, למשל נאך אַ קינד וכדומה, דארף זיך נישט אויסנעמען אז ער איז נישט מקבל שבת, און ער מעג טון מלאכות נאכ'ן צינדן, ווייל אַ מאן איז מקבל שבת ביים דאווענען. מיט דעם אלעם איז גוט ער זאל זיך אויסנעמען אז ער איז נישט מקבל שבת.(113)

## מקורות והערות

97) כן איתה בשו"ע תניא, בקונטר"א סק"ב בא"ד, דוודאי אשה הוי שליחו של בעל.

98) רמ"א סע"י י' - מקור מבה"ג הלכות חנוכה - די טעם פארוואס אַ פרוי ווען זי צינדט איז זי מקבל שבת, וועגן די הייליגע חכמים האבן געוואלט ס'זאל זיין אַ מעשה, וואס דורך דעם זאל מען מקבל שבת זיין, און נאכדעם זאל מען מער נישט טון קיין מלאכות. און מ'האט דאס מתקן געווען דורך דעם וואס מען צינדט, אז אין איין וועג'ס זאל זיין אַ היכר אז די ליכט איז לכבוד שב"ק [בימי חז"ל האט מען דאך געהאט ליכט א גאנצע וואך אויכעט, איז מיט דעם וואס מ'טוט שוין נישט קיין מלאכות איז עס ניכר אז די ליכט איז לכבוד שב"ק] (בערך זו כ' בס' שבת בשבתו הוספתיה מדיליה). לציין: ד' בה"ג בעצמו דאינו מהני תנאי, אבל רמ"א פסק פוסק כמרדכי רצ"ג דמהני

99) אפילו די מיידלעך זענען אויך נישט מקבל שבת צוזאמען מיט די מאמע, ס'איז דא געוויסע שטיבער וואס זיי פירן זיך אז די מיידלעך טוען מער נישט קיין מלאכות נאך דעם וואס די מאמע צינדט, דאס נעמט זיך ווייל מ'וויל מחנך זיין די מיידלעך זאלן זיך צוגעוואוינען אז ווען מען צינדט ווערט שבת, כדי זיי זאלן אזוי טון ווען זיי וועלן זיין מאמע'ס, אבער על פי הלכה מעג מען טון מלאכות. (שבת בשבתו דף תקפ"ג)

100)עפ"י מש"כ המחב' סע"י י"ז - י"א שמי שמקבל שבת קודם שחשיכה מותר לומר לישראל חבירו לעשות לו מלאכה.

101) בשעת הדחק אויב אַ פרוי האט פארגעסן זיך אויסצונעמען אז זי איז נישט מקבל שבת, מעג זי עסן, אפי' אן קיין תנאי (שו"ת פרי יצחק ח"ב סי' ט).

102) בא"א מהדו"ת ס"ו וכן מהדו"ק ס"ט אז מ'קען נאך יא דאווענען מנחה נאך ליכט בענטשן דלא כמג"א סקי"ט.

103) וזלה"ק שו"ע תניא סעי' ז; אבל יכולות להדליק נרות הרבה שכולן מצות הדלקה אחת הן, ואין קבלת שבת חלה עד אחרי גמר הדלקה.

104) הא לך לשון הערוך השולחן: סעי' י"ד ונראה, דאותן נשים ברכו מקודם בהדלקה דאלו היו מברכות, אח"כ אלו היו יכולות לכבות עדיין קודם הברכה "דזה פשטיא דקודם הברכה לא הוי קבלת שבת עדיין עפ"ל

105) אעפ"י במחב' כתב, ... ועפי"ז נוהגות קצת נשים שאחר שברכו והדליקו הנרות משליכות לארץ הפתילה, כאמור בהערה הקודמת, דזה היו בזמנים שעדיין לא היו המנהג לברך אחר הדלקה

106) פני יהושע (שבת כג:) דאורחא דמילתא להדליק בלילה ביו"ט. חת"ס שבת כד. וביו"ט שמדליקין בלילה כדרך הנשים, וכ"כ בהגה' שואל ומשיב שו"ע סי' רס"ג נשים דידן נהגו גם ביו"ט ראשון להדליק אחר היציאה מביהכ"נ, און אזוי פירט מען זיך בבית מורינו הראש ישיבה שליט"א

107) באר היטב סי' תק"ג סק"ד .108) מג"א סק"כ. 109) פשוט לענ"ד דזה הוי הכל בכלל צורך. 110) עי' שו"ת באר משה ח"ח סי' ס"ד. 111) לשון רמ"א סע' י'. 112) דעת תורה בשם ספר החיים, א"א בוטשאטש

113) לשון מג"א סקח"י - ואם האיש מדלק ליכא מנהגא "ומותר במלאכה", ומ"מ טוב להתנות.



# א מעשה
## פון א צדיק

## מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה

דֶער הֵיילִיגֶע חָפֵץ חַיִּים הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה. אַן אָרִימֶע אַלְמָנָה מִיט אִירֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער יְתוֹמִים'לֶעךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִּירָה גֶעלְט. דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז גֶעוֶוען אַ בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשׁ, אָן קַיין גֶעפִיל צוּ אַ צְוֵוייטְן.

אִינְמִיטְן ווִינְטֶער וֶוען עֶס אִיז פֵּיין קַאלְט אִינְדְרוֹיסְן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר אַז עֶר דַארְף הָאבְּן דֶעם דִּירָה, זִי זָאל עֶס זָאפְּאָרְט אוֹיסְלֵיידִיגְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָא, אוּן זִיךְ טְרֶעפְן אַן אַנְדֶערְן דִּירָה וואוּ צוּ וואוֹינֶען.

דִּי אַלְמָנָה הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּעַל הַבַּיִת עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז זִי אִיז נִישְׁט אַלֵיין, זִי הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִּי ווִינְטֶער אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּצִיעֶן צוּ אַ נֵייעֶ דִּירָה, אוֹיבּ עֶר קֶען בִּיטֶע וַוארְטְן בִּיז נָאךְ פֶּסַח וֶוען עֶס וֶוערְט אַבִּיסְל וַוארִימֶער.

אָבֶער דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אַז זִי זָאל שׁוֹין יֶעצְט זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן פוּן דִּי דִירָה, דִּי אַלְמָנָה הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען מִיט בְּכִיּוֹת, אוּן פְּרָאבִּירְט נָאכְאַמָאל מַסְבִּיר זַיין דֶעם לֶענְדְלָארְד אַז יֶעצְט אִיז קַאלְט שְׁנֵיי'אִידִיג, עֶס רֶעגְנְט אַסַאךְ, עֶס אִיז שְׁוֶוערֶע וֶועטֶערְס, אָבֶער דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט.

לְמַעֲשֶׂה דִּי אַלְמָנָה הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֵצָה, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ גֵיין, אִיז זִי גֶעבְּלִיבְּן אִינֶעם דִּירָה. אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעגַאנְגֶען אוּן אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִּי דָאךְ פוּן דֶעם הוֹיז. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְרֶעגְנֶען, שְׁנֵייעֶן, גֶעבּוּזְשֶׁעוֶועט שְׁטַארְקֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע ווִינְטְן, אַזוֹי אַז אִיז דִּי אַלְמָנָה גֶעוֶוען גֶעצְוִוינְגֶען צוּ פַארְלָאזְן דֶעם דִּירָה, אוּן זִיךְ גֶעדַארְפְט וַואלְגֶערְן אִין דִּי גַאסְן וַוייל זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין דָאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ.

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ אִינְגְל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט ווִיאַזוֹי אַזַא זַאךְ הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִּי תּוֹרָה אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַן אַלְמָנָה, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט?!

אַסַאךְ יָארְן זֶענֶען אַדוּרְךְ אוּן דִּי מַעֲשֶׂה אִיז פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, אַז דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אִין גַאס פָּארְנְט פוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט עֶפֶּעס פַארְאַמְפֶּערְט מִיט אַ גוֹי וֶועגְן גֶעלְט עִנְיָנִים, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶערֵיי, אוּן דֶער גוֹי הָאט זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאק אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטְן זֶעץ אוֹיפְן קָאפּ אוּן דֶער אִיד אִיז לֵיידֶער אַוֶועק פוּן דֶעם.



לְמַעֲשֶׂה דִּי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט אָדֶער מִיטְגֶעהַאלְטְן דִּי מַעֲשֶׂה זֶענֶען מַמָּשׁ צֶעטְרֵייסְלְט גֶעוָוארְן, הֲיִתָּכֵן אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג זָאל גֶעשֶׁען, דֶער אִיד אִיז גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן מִיט אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה?!

ווִי נָאר דֶער הֵיילִיגֶע חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעהֶערְט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דֶעם אִיד, אִיז עֶר מַמָּשׁ פַארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִּי דְּרָכִים פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל דֶער שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשׁ הָאט צֶענְדְלִיגֶע יָארְן פְרִיעֶר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דִּי אַלְמָנָה מִיט דִּי יְתוֹמִים אָן רַחְמָנוּת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִּי דַאךְ פוּן דִּי הוֹיז אָן קַיין גֶעפִיל אוּן מִיטְלַייד, צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַזַא עוֹנֶשׁ אַז זַיין קָאפּ אִיז אַרָאפְּגֶעהַאקְט גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט דֶערְצֵיילְט דִּי מַעֲשֶׂה פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִּי בֵּיינֶער אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט דִּי וֶועלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אוּן קֵיינְמָאל טָאר מֶען נִישְׁט וֵויי טוּן אַן אַנְדֶערֶע אִיד, נָאר מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶען ווִיאַזוֹי מֶען קֶען מְחַיֶּ' זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ מִיט אַ גוּט וָוארְט, צוּ מִיט גֶעלְט אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע וֶועג, אַלְץ נָאר זוּכְן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיקְגֶעבְּן פַאר אוּנְז אַלֶעס גוּטְס.

(מָגֵן אָבוֹת אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה ז')



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



צ"ו

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**ראֹשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג, רֶבִּי נָתָן קוּמְט אוֹיף ראֹשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, סְ'הָאט אִים נָאר זֵייעֶר גֶעכַאפְּט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט"ו, ל"א) אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָוארְט "תָּלִין" אַז סְ'אִיז פוּנֶעם לָשׁוֹן תְּלוּנָה אוּן מְרִיבָה, אַז וֶוען מְ'הֶערְט קְרִיגֶערַייעֶן צְוִוישְׁן צַדִיקִים, אִיז דָאס נָאר אַ מוּסָר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זָאגְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין."**

נָאךְ ראֹשׁ הַשָּׁנָה הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאשְׁלָאסְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן כָאטְשׁ בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, סְפֶּעצִיעֶל וַוייל זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט בִּיז אוֹיבְן, אוּן עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן פְּרִיוַואט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פוּן זַיין יוּגְנְט בִּיז יֶעצְט, מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען פְּרִיוַואט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְגִיסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אַלֶע וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט נָאךְ אַלְץ אַרִיבֶּער.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן דֶעמָאלְט טוּן פַארְשִׁידֶענֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע הַנְהָגוֹת, וִוי צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַז אֵיין מֵעֵת לְעֵת יֶעדֶע וָואךְ זָאל עֶר נִישְׁט עֶסְן אַ דָבָר הַבָּא מִן הַחַי, אוּן אַז עֶר זָאל אֵיינְמָאל זַיין אוֹיף פַאר צְוֵויי טֶעג אוּן אַ נַאכְט אוֹיפְאַמָאל.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס מִיט אִים פוּן הוֹיז, זֵיי הָאבְּן שְׁפַּאצִירְט אַבִּיסְל אַהִין אוּן צוּרִיק נֶעבְּן דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, עֶר הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְחַיָּ' אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְגַלֶה גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְקוּת, אַז מְ'טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל זַיין וָואס סְ'זָאל נָאר זַיין.

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְ'ן פְרַיינְט".

דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעזָאגְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן הַארְץ, אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דֶעטַאלְן, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען גְלַייךְ אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פְלַאם פֵייעֶר, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דוּרְךְ דִי עֵצָה וֶועט עֶר זִיכֶער וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל אַלֶע סָארְט מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים, אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס עֶר וֶועט נָאר דוּרְכְגֵיין אִין לֶעבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער נַייעֶר אַנְטְפְּלֶעקוּנְג וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶעהֶערְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אַז מְ'קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז מְ'קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקַרֵב גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו מייטא תחי'**

**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט.

**ברוכים הבאים!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמן א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה אברהם אלי' פריעדריך הי"ו**
**וזוגתו הענטשי תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל און קענען מחנך זיין די קינדער אויפן רבינ'ס וועג.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה דניאל אייזנער הי"ו**
**וזוגתו עטל תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.




**קאצי קאצי האמטשה**

אוי באשעפער! געענדיגט מיט די היסן, ס'צייט צו טון עפעס אויף למעשה!

רופט אונז שוין פאר אונזער באריכטע טריפל C קרים. 100% גאראנטירט.

נ.ב. פרעגט זיך נאך ביי אונז, אויף אונזער פילע אנדערע פראדוקטן וואס היילן מיטן אייבערשטנ'ס הילף, Mersa, Skincare, womens health און נאך...

משפחת יחזקאל: 347-452-1936
מרת: 845-545-8487



# פאר די ברסלב'ע שטוב

מחשבה:

# אן אנגענעמע רייזע!

א מעשה
אויף למעשה:
זיי נישט קיין
פאליס לעדי

שיעור אין
גראמען:
יעדע מינוט
א פרישע מינוט

רעספי:
Lo mein
5 chicken
cutlets

# מחשבה

פ. טראכטער



## אן אנגענעמע רייזע

מיין כמעט דריי יעריגע בלומי גייט אין פלעיגרופ יעדן אינדערפרי פונקט בערך פינף מינוט נאך איר עלטערע ברודער חיים.

בלומי פארט מיט א מיניוואן, און חיים'ל פארט שוין מיט א געלע באס.

די לעצטע צוויי וואכן איז בלומי קלוגער געווארן, און באשלאסן אז וואס עפעס דארף זי פארן אין אזא קליינע מיניוואן? זי וויל אויך פארן אויף אזא גרויסע געלע שיינעדיגע באס ווי איר ברודער חיים.

די גרויסע געלע באס זעט אויס אין אירע אויגן ווי א געשמאקע חול המועד פארברענג. אצינד, האב איך יעדן אינדערפרי מיט איר א פרישע פרשה, זי וויינט, זי שרייט, זי פארפירט און זי שטויסט אז זי וויל אויך פארן מיט'ן גרויסן געלן באס.

איך פראביר טאג נאך טאג צו מסביר זיין מיט געדולד - וואס איך שפיר צומאל אז איך האב נישט - לויט איר פארשטאנד וואס זי וויל נישט פארשטיין, אז די גרויסע געלע באס פארט צו א חדר פון אינגלעך און דארט זענען נישט דא קיין מיידלעך, און איר מיניוואן טראגט איר צו טיטשער גאלדי, וועמען זי האט אזוי שטארק ליב.

אבער עס איז כאילו איך רעד צו טויבע אויערן. אמאל גייט זי וויינעדיג, אמאל גייט זי בלאזעדיג. זי וויל נישט אדער קען נישט פארשטיין פארוואס פונקט זי מוז זיצן אין די קליינע שווארצע מיניוואן יעדן טאג, בשעת חיים האט די פריווילעגיע צו זיצן אויפ'ן הויעכן- אויסגעפוצטן באס.

איין אינדערפרי איז עס געווען ספעציעל שווער. קען זיין ווייל איך בין געווען מיד פון א שמחה די נאכט פריער, אדער קען זיין אז בין געווען געיאגט אנצוקומען צו אן אפוינטמענט גלייך נאך די באסעס. אזוי צו אזוי האט בלומי אויסגעוועלט יענעם אינדערפרי זיך צו לאזן הערן. זי האט זיך אויפגעפירט ווי א... דריי יעריג קינד...!

“מאמי, איך האב דיר נישט ליב. מאמי! דו האסט נאר ליב חיים. פארוואס לאזטו מיך נישט גיין אויף די באס?!...”

די קולות זענען געווארן העכער, און מיין סבלנות איז געווארן ווייניגער.

איך האב זיך פראבירט צו האלטן רואיג. איך האב אמאל געהערט א געדאנק, “געב פאר דיין קינד פיר מינוט פון דיין טאג... די מינוט וואס דו וועקסט אים אויף, די מינוט וואס דו לייגסט אים שלאפן, די מינוט וואס דו שיקסט אים-איר אפ אין סקול\חדר, און די מינוט וואס דיין קינד קומט אהיים.”

פארשטייט זיך אז וכל המרבה הרי זה משובח, אבער די געדאנק דערפון איז אז מען זאל האלטן קאפ און פראבירן די פיר צייטן אין טאג צו זיין “דא” פאר די קינדער, נישט נאר פיזיש נאר מיט'ן גאנצן הארץ, אן די טעלעפאן, אן די שכנים.

אזוי איז עס. אז די מאמע שיקט אפ די קינד פריילעך, שפירן ביידע באפרידיגט און פארקערט אויך. אויב האט מען ארויסגעשיקט די קינד אנגעצויגן, מיט א פסק אדער אן אנגעצויגנקייט, באגלייט דאס סיי דעם קינד און סיי די מאמע.

דעריבער בעט איך אסאך דעם אייבערשטן אז איך זאל זיך קענען האלטן רואיג אין די קריטישע מינוטן... זייט מיר נאכנישט מקנא, איך בין ווייט פון שלימות, אבער על כל פנים אז מען האלט די ציל פאר די אויגן, ווערט די בארג גרינגער ארויפצוגיין.

אויך היינט אינדערפרי מיט'ן עקשנות'דיגן דריי יעריגע בלומי האב איך זיך פראבירט צו האלטן רואיג, טראץ אירע טענות און געוויינען.

ווען די מיניוואן איז ענדליך אנגעקומען האט זיך בלומי שוין אביסל בארואיגט, זי איז אבער געווען ברוגז אויף מיר. איך האב איר אויפגעהויבן, געשמייכלט צו איר און איר שטילערהייט אריינגעזאגט “א גוטן טאג, מאמי האט דיר זייער ליב און דערפאר לייגט דיר מאמי אין די מיניוואן.”

איך האב נישט געוואוסט אויב זי פארשטייט די טיפקייט פון וואס איך האב איר געזאגט, אבער איך האב עס געזאגט פאר מיר אליין.

איך האב זיך אריינגעיאגט אינדערהיים און שנעל געמאכט די בעטן, ווייל איך האב געוואוסט אז די קאר וואס נעמט מיר צו די אפוינטמענט ווארט מיר אפ ביז צען מינוט.

זיצענדיג אין ווארט זַאל, האב איך הערשט אפגעאטעמט פון די גע'יאגטע און לאנגע אינדערפרי, און מיינע מחשבות זענען צוריקגעפלויגן צו בלומי און חיים.

בלומי פרעגט א שאלה, זי וויל פארשטיין, זי וויל אויך. חיים'ס רייזע זעט אויס לופטיגער, געשמאקער און מער אינטערסאנט. ער זיצט העכער און קען זען א שענערע פאנאראמע. פארוואס דארף זי זיצן איינגעבינדן אין די סיטבעלט אין א קליינע מיניוואן? עס איז איר נישט אזוי באקוועם...

'ווייל בלומי טייערע', טראכט איך צו זיך 'דאס טראגט דיר צו דיין ציל. דו ווילסט נישט זיין אויף חיים'ס באס און אנקומען אין א גרויסע חדר אליינס און פארלוירן, וואו דו געהערסט נישט.'

און דאן בליצט מיר אויף אין מח.

פאריגע וואך בין איך געגאנגען באזוכן מיין חבר'טע וואס האט זיך לעצטנס אריינגעצויגן אין א נייע דירה. זי האט מיר איינגעלאדנט פאר א שטיקל חנוכת הבית.

איך בין געגאנגען צו איר און זיך באמת געפריידט מיט מיין חבר'טעס פרייד. זי האט א שיינע לופטיגע רחבות'דיגע דירה אויסגעשטעלט מיט אסאך באקוועמליכקייטן, גרויסע פענסטערס, א הויעכע דאך, ניי, פריש און זייער שיין און בע'טעמ'ט אויסגעשטעלט

איך האב זיך באמת געפריידט פאר איר, אבער ערגעץ אינמיטן די פרייד האט זיך אריינגעכאפט א ווארעם אין הארץ.

ווי נישט ווי, וואוין איך מיט פינף קינדער אין א פיצעלע דירה, עס איז נישט דא קיין פלאץ פאר אן איבעריגע נאדל. מיין דירה איז אויפ'ן דריטן שטאק צווישן אסאך אנדערע שכנים. אונזער דירה איז אלט און אפגעדינט, די גערודער פון די שכנים געבן נישט ספעציעל צו צום רואיגקייט פון די נאכט און טאג.

מיין משפחה'לע האט שוין פון לאנג אויסגעוואקסן די דירה און עס גליסט זיך מיר אויך אביסל רחבות.

איך וויל נישט חלילה פרעגן פארוואס, ווייל איך ווייס דאך וואס מוהא"ש ז"ע זאגט: "למה? פארוואס? יאמרו הגוים, דאס פרעגן גוים, אבער דאך טאטע...

און דאן לויפט מיין מח צו אונזער מצב הפרנסה וואס הינקעט לעצטנס שטארק אונטער.

און דאן טראכט איך פון בלומי און פון חיים

פארוואס פארט בלימי אינעם מיניוואן און חיים אויפ'ן באס? ווייל יעדער האט זיין ציל. זיין סטאנציע וואו ער דארף אנקומען.

פאר בלימי טויג נישט צו גיין אויפ'ן באס, און פאר חיים איז נישט קיין תכלית צו פארן מיט'ן מיניוואן.

און מיינט איר טאקע אז אויפ'ן באס איז עפעס אלעמאל אזוי געשמאק? די באס שאקלט און איבעלט מער. חיים פארט ארום אסאך לענגער די שטאט. די עיר קאנדישען אויף די באס ארבעט נישט אזוי פיין, און דער דרייווער איז נישט אזוי געדולדיג.

מיר דארפן געדענקען וואס דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט, "אפשר אויף יענע וועלט איז דא א פלאץ וואס הייסט עולם הזה, דא איז עס נישט פארהאן..."

דא זענען מיר אויפ'ן וועג, מיר זענען דא פאר א תכלית פאר א ציל, מיר זיצן אויף א באס, צו אין א קאר, צו אין אן ערעפלאן, צו דערגרייכן אונזער נצחיות און אונזער חיי עולם הבא.

צומאל דאכט זיך אז יענעם'ס קאר פארט געשמאקער און רואיגער, "עס דאכט זיך אז ביי יענעם לאכט זיך," אויף דעם האט שוין רבי נתן ז"ע געזאגט, "נישטא וועמען צו מקנא זיין - אויב מקנא זיין איז נאר דעם ערליכן איד."

נישט ווייל פאר'ן ערליכן איד גייט אים אלעס אזוי גראד, נאר ווייל דער ערליכער איד ווייסט אז "אז עס איז דו - גייט מיר גוט" אז עס קומט פון דעם אייבערשטן איז עס מיר גוט.

עס איז ווערד אמאל צוצולייגן קאפ און אויסהערן די "הדרך" וואס די אינגלעך אדער די מענער מאכן נאך א מסכת. די ווערטער וואס זיי זאגן געבן אזויפיל חיזוק אנצוגיין ווייטער.

"אנו משכימים - והם משכימים, מיר אידן שטייען אויף און זיי די גוים להבדיל שטייען אויף. מיר שטייען אויף לדברי תורה צו טון און אויספירן די ווערטער פון די הייליגע תורה, רצון ה'. און זיי שטייען אויף צו דברים בטלים, צו שטותים, צו א פוסטע לעבן.

אנו עמלים - והם עמלים, אלע פלאגן זיך. יעדער מאכט דאך עפעס מיט, נאר מיר אידן פלאגן זיך און מיר באקומען שכר, אונזער פלאג האט א תכלית א ציל און די גוים פלאגן זיך אומזיסט. זיי באקומען נישט קיין שכר.

אנו רצים - והם רצים, יעדער איז אין א "ראַש". יעדער יאגט זיך כסדר. אבער וואויל איז אונז אז מיר יאגן זיך צו חיי עולם הבא, בשעת די אומות העולם יאגן זיך צו באר שחת...

אשרינו מה טוב חלקינו אז אונזער פלאג איז נישט אומזיסט און אונזער הארעוואניע איז מיט א תכלית. אני מאמין באמונה שלימה אז מיין מאן, מיינע קינדער, אונזער הויז, אונזער פרנסה און אונזערע נסיונות וואס מיר גייען אריבער איז פאר מיין טובה פאר מיין תכלית.

איינער פארט מיט א קאר, איינער מיט א טראק, איינער מיט וועגן, און איינער מיט א טעסלא. יעדער האט באקומען זיין פונקטליכע אוטאמאביל וואס ער דארף האבן אנצוקומען צו זיין שלימות.

אלעס האט זיך זיינע מעלות און אלעס האט זיך זיינע נסיונות. אבער אלע פארן מיר צום ציל. לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו.

דער גוטער און רחמנות'דיגער טאטע האט מיר געגעבן פונקטליך אלע כלים וואס איך דארף האבן צו מצליח זיין אויף מיין רייזע און אנקומען צו מיין ציל.

און אז איך וועל אנטון מיין ראזע ברילן וועל איך זען ווי שיין די פאנאראמע איז דורכאויס די שיינע רייזע.



# שיינער אין גראמען

ש.ל. פליישמאן

צו הערן די
גאנצע שיעור
רופט
212-444-9169
1-2
079-70- א"י)
(400-69

## יעדע מינוט – א פרישע מינוט

ס'איז מלחמה צייט,
עלטערן פונדערווייט.
בחורים פירן זיך מעשה בעל הבית.
טישאס אויף דער ערד,
די שול איבערגעקערט.
דער שמש רעגט זיך: "וואס מיינט דאס?!"

"על כל פנים,
גייטס ענק לשלום!
איך וואַרף ענק פון ביהמ"ד ארויס!
וואו איז מיין פלאג?
א נעכטיגן טאג!
עס קוקט דא אויס ווי א משוגעים הויז!"

ביים ציון בייַנאכט,
התבודדות געמאכט,
צום באשעפער ער וויינט מיט טרערן...:
"פארוואס שריי איך?
איך וויל רעדן ווייער,
אפילו די בחורים טוען מיר שטערן..."

"זיי זענען דאך יונג,
עס איז זיי נישט גרינג,
איך דארף צו זיי זיין מער געדולדיג...
ס'איז שווער מן הסתמא,
ווייט פון טאטע מאמע,
באשעפער, וואס זענען זיי נעבעך שולדיג?"

מ'האט געמיינט,
פון יעצט, פון היינט,
וועט ער זיין כעס פארערכטן...
אבער וואס וועט וואו...
גלייך אינדערפרי,
געשריגן האט ער די זעלבע ווי נעכטן...

ביינאכט ווידער,
די זעלבע לידער,
ביים הייליגן רבינ'ס ציון זיך אויסגעוויינט:
"פארוואס שריי איך?
איך וויל רעדן ווייער...
באשעפער העלף! איך הייב אָן פון היינט...!"

* * *

אזוי איז דאס לעבן,
בענקען און שטרעבן,
**דאס זאגט מוהרא"ש מיינט א ברסלב'ע חסיד!**
ער קלאפט זיך נישט,
ער הייבט אָן פריש,
זיין ווילן פארן באשעפער טיילט ער מיט...

פארגעסט מן הסתמא,
בין איך א מאמע?
אזוי האב איך געקענט מיין קינד פארשעמען?!
בלייב נישט פארזעצט,
הייב אָן פון יעצט.
"רעדן שיין איך וועל זיך פארנעמען..."

דיין טיפע וויטאג,
פון הארץ זאג:
"באשעפער, ס'ארבעט זיך נישט אויס מיינע קבלות...
איך וויל גוט זיין,
איך מאך א פלאן,
איך שטארק זיך מיט פרישע התחלות!"

קלאפ זיך נישט ניין,
ס'איז פון שטן אליין,
דער ראש ישיבה זאגט דאס א אידישע מאמע מיינט,
האלטס ביי נולז?
הייב אן נאכאמאל!
זאג: "באשעפער איך וועל ווערן גוט פון היינט!"



ג. פעקעטע

## זיי נישט קיין

# פּאַליס לעדי

ס'איז דא א וויכטיגע פונקט אין האנטינג - ווען מען גייט פאנגען חיות- אזוי ווי עשיו איז געגאנגען פאנגען חיות - דארף מען וויסן די ריכטיגע וועג צו כאפן די בעל חי' אן דעם וואס דער פאנגער זאל ווערן געפאנגען.

דאס הייסט, עס איז דא א מאל א פאל, וואס ווען דו שיסט צו יענעם א פייל, גייט עס גלייך צוריק קומען צו דיר, אז דו ביסט אין וואלד און די פרובירסט צו כאפן א הערש, דו שיסט א קויל צו דעם הערש, דארפסטו מאכן זיכער אז דער הערש איז יעצט אין א פלאץ וואס ער קען ווערן געצילט, וואס ער קען ווערן געכאפט.

איך האב אמאל געזען ווי מיינע קליינע קינדער לויפן נאך אפאר הערשן אין פעלד, ביים עק פון דעם פעלד איז געווען א צוים, און ווען די הערשן זענען אנטלאפן זענען זיי געלאפן צו יענעם ריכטונג.

די גרויסע הערשן האבן אין איין טאנץ געגעבן א שפרינג איבער דעם צוים און זיך געטראפן פארזיכערט אויף די אנדערע זייט, אבער די קליינע הערשעלעך וואס זענען נאכגעלאפן זייער מאמע און פרובירט צו אנטלויפן פון די שטארקע אטאקעס, זענען געבליבן דארט שטיין נאנט צום צוים און נישט געהאט קיין וועג ארויס.

וויבאלד די קינדער זענען געקומען נענטער און נענטער, האבן די קליינע הערשן זיך אנגעהויבן ווארפן פאר שרעק, זיי האבן פרובירט צו גיין רעכטס און לינקס, אבער עס איז נישט געווען קיין שום וועג ארויס. זענען זיי געקומען מיט אזא דרייסקייט, מיט אזא חוצפה, און אנגעהויבן צו לויפן מיט א שטארקע רציחה צו די קינדער, וואס דאס איז אנטקעגן זייער נאטור, די נאטור פון א חי' איז אז ווען מען וויל עס פאנגען אנטלויפן זיי, אבער וויבאלד זיי האבן זיך געפונען אין א מצב, אין א פלאץ וואס זיי האבן נישט געהאט קיין וועג ארויס, האט זיך אין זיי אנגעצינדן די "פייט אר פלייט ריספאנס", זיי האבן געזען אז זיי קענען נישט אנטלויפן האבן זיי געטון די איינציגסטע עצה וואס איז פארבליבן צו זיי, זיי האבן גענומען דרייסטע טריט קעגן זייערע פאנגערס, און אזוי האבן זיי מצליח געווען צו אוועקטרייבן די קינדער וואס האבן זיי פרובירט צו כאפן, צו נאכלויפן.

מעשה אויף למעשה

אמאל מאכט זיך אין אונזער לעבן ווען מיר פרובירן איינעם צו כאפן אין סיי וועלכע וועג, צו א קינד וואס מען וויל אים אויסלערנען זיך צו פארבעסערן א מדה, צו דער מאן וואס מען וויל אים ווייזן אז ער איז נאכאמאל נישט גערעכט, צו די שכנ'טע וואס מען וויל אויספירן אז זי זאל נישט זיין דער וואס מאכט די החלטות וועגן געוויסע ענינים אין מיין לעבן, צו א מיטארבעטער וואס דו ווילסט איר ווייזן אז זי ווייסט בכלל נישט וואס זי טיט, און דו האסט שוין ארויס די ריכטיגע וועג צו ערלעדיגן די געשעפטן. דארף מען אבער זיין פארזיכטיג נישט צו יענעם אנטקעגן קומען אין פנים, ווייל דאס מאכט זיי פילן געפאנגען, דאס מאכט זיי פילן ווי זיי זענען געכאפט. און בלית ברירה אן האבן קיין שום וועג ארויס פון אזא אטאקע, וועלן זיי זיך צוריק קריגן מיט אזא שטארקייט ווי זייער לעבן איז געוואנדן אין דעם.

משה רבינו האט געוואוסט ווי אזוי צו געבן מוסר, צו געבן תוכחה, ער האט געזאגט פאר די אידן: "דער אייבערשטער האט ענק ווייטער ליב, דער אייבערשטער ווארט אויף ענק, דער אייבערשטער וויל ענק צוריק נעמען". אויב מיר קענען געבן מוסר ווי משה רבינו מעגן מיר זאגן מוסר, אבער ווער קען דען? איז וואס איז אונזער עצה?

לאמיר הערן וואס אונזערע צדיקים לערנען אונז אויס אין לעבן, אונזערע צדיקים לערנען אונז אויס א שענערע וועג, א בעסערע וועג, און א וועג וואס ארבעט, א וועג וואס מיר קענען טון אן דעם וואס דאס וואס מיר צילן זאלן צוריק שיסן צו אונז אין פנים.

דער רבי לערנט אויס, אז ס'איז דא אמאל א צייט וואס מען רעדט מיט מענטשן, און מען פרובירט זיי צו מחזק זיין אבער מען זעט אז עס מאכט נישט קיין שום רושם אויף יענעם, זאגט דער הייליגער רבי אז עס איז נאך אלץ כדאי, ווייל די חיזוק וואס דו געבסט זיי, קומט צוריק צו דיר.

דאס איז נאר געזאגט געווארן ווען מען וויל מחזק זיין א צווייטן, אבער ווען מען האט א שלעכט ווארט צו זאגן פאר יענעם, זאגט דער ראש ישיבה אלס נאך פון זיין חשובע מאמע: "א גוט ווארט זאלסטו געבן, אבער אז דו האסט א שלעכט ווארט, שלינג עס אראפ און אז דו קענסט עס נישט אראפ שלינגען, שטיק זיך מיט דעם, אבער גיב עס נישט ארויס פאר יענעם".

מיר זענען נישט דא צו מחנך זיין אנדערע, מיר זענען נישט דא צו פוינטן פינגערס אויף יעדן איינעם, ווייל מיין קלוגע מאמע זאגט אלץ: "ווען דו פוינטסט א פינגער אויף יענעם, ווייזן פיר פינגערס צוריק אויף דיר אליין".

רבי נתן האט געזאגט: "ווען מען זעט שלעכט'ס אין יענעם, איז א סימן אז מען האט נאכנישט געמאכט גענוג התבודדות". מיר דארפן זוכן נאר זיך אליין צו פאררעכטן, מיר דארפן זוכן נאר אויסצוארבעטן אונזערע מידות און אונזערע נאטורן, און זיך אליינ'ס פארבעסערן, און זוכן נאך איין וועג ווי אזוי מיר קענען זיך אליין אויסארבעטן, אנשטאט זוכן וועגן צו אויסארבעטן יענעם.

אזוי ווי דאס וואס דער רבי זאגט אז ווען מען רעדט חיזוק און עס קלאפט נישט אן ביי יענעם איז עס אזוי ווי א באלי וואס מען שיסט און עס געבט א האק אריין אין א וואנט-שפרינגט עס צוריק צו דיר, עס קלאפט צוריק צו דיר, קען זיין טאקע אז עס האט נישט אויפגעטון ביי יענעם, אבער דיך אליין איז עס מחזק, איז גוט אז מיר זאלן געבן נאר גוטע ווערטער און ווארעמקייט און ליבשאפט צו יעדעם ארום אונז, אזוי וועט די ווארעמקייט, די חיזוק, די ליבשאפט צוריק קלאפן צו אונזער הארץ און מאכן דארט א לאך, עס זאל זיך עפענען און אריין נעמען אביסל אייבערשטער אין זיך, אביסל ווארעמקייט אין זיך.

יעקב אבינו ווען ער האט געדארפט אנטלויפן פון זיין ברודער עשיו וואס איז געווען גרייט אים צו פארצוקן, איז ער אנטלאפן צו די תורה, ער האט זיך אריינגעזעצט אין א ווינקל לערנען די הייליגע תורה.

לאמיר טון די זעלבע ווען מיר געפונען זיך אין די שלאכטפעלד פון לעבן, ווען מיר געפונען זיך אין מצבים וואס דרוקן און מאכן אונז שפירן ענג. לאמיר אנטלויפן צום אייבערשטן, אים פארציילן אלעס וואס דרוקט אויפן הארץ, וואס דאס וועט אונז העלפן ארויסגיין פון אונזערע שווערע שוועריקייטן.

וואס איז די וועג ווען אונז אידישע מאמע'ס ווילן מחנך זיין אונזערע קינדער? אדער ווען מיר פרובירן צו העלפן אונזערע מענער מיט זייער עבודת השם? מיר ווייסן דאך אז מיר זענען נישט געשטעלט געווארן צו זיין די פאליס לעדי אויף אונזערע מענער, מיר זענען געשטעלט געווארן נאר צו געבן ווארעמקייט, ליבשאפט, און זיך זארגן אויף זייער גשמיות, זיי זאלן האבן א ווארעמע שטוב, געזונטע עסן און זויבערע וועש.

אין שאלות ותשובות ברסלב פרעגט א פרוי פון מוהרא"ש, וואס זאל איך טון אז מיין מאן ליינט נישט קריאת שמע ביינאכט, עס באדערט מיר אזוי שטארק, ענטפערט איר מוהרא"ש: "קודם כל, דו ביסט נישט זיין פאליס לעדי, דו זארג זיך נישט אויף זיין אידישקייט, צווייטנס די חשוב'סטע און טייערסטע זאך ביים אייבערשטן איז א פרוי וואס היט זיך פון כעס, א פרוי וואס בלייבט רוהיג און פרייליך און רעגט זיך נישט אויף".

עס זעט אויס אז די ענטפער האט גארנישט מיט די שאלה, אבער אויב א פרוי נעמט אריין די שכל פון צדיקים ביי זיך אין הארץ וועט זי האבן א גליקליכע לעבן, ווייל מוהרא"ש זאגט דאך דא די סוד, עס דארף דיר גארנישט באדערן.

וואס איז די גרעסטע זאך פאר אונז אידישע פרויען צו צוקומען? צו אריין נעמען אייבערשטער אין זיך, אריין נעמען אמונה, אריין נעמען די קלארע דעת אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און דער אייבערשטער מאכט אלעס און דער אייבערשטער פירט אלעס. און וועגן דעם וועל איך זיך נישט אויפרעגן פון קיין שום זאך. ווייל וואס עס געשעט, סיי מיט מיין מאן סיי מיט מיינע קינדער, ביי מיין ארבעט, אדער מיט פרעמדע, איז דאך אלעס געפירט געווארן פון דעם אייבערשטן.

דערנאך לייגט מוהרא"ש צו א שכל וואס קען אונז טראגן ווייט אין לעבן, מוהרא"ש שרייבט נישט "זאג פאר דיין מאן אין א שיינע וועג, אז דו מוזט ליינען קריאת שמע", מוהרא"ש שרייבט נישט "האלט פָאר דיין מאן, היתכן דו האסט זיך געלייגט שלאפן אן קריאת שמע".

מוהרא"ש שרייבט אזעלעכע זיסע ווערטער "אפשר קענסטו זינגען קריאת שמע הויעך מיט א ניגון און דאס וועט אים אריינגיין אין הארצן און אויפוועקן פון זיין שלאף".

לאמיר נאר טון עצות פון צדיקים, די עצה פון תפילה, בעטן אויף יעדע זאך, די עצה פון סבלנות שיין אויסווארטן אויף אונזערע ישועות, און די עצה פון צדיקים נישט זוכן שלעכטס ביי יענעם, נישט אטאקירן א צווייטן, זאל זיין דער מאן, אדער א קינד מיט שווערע נאטורן, ווייל דאס וועט דיר נאר צוריק קלאפן אין פנים. נאר קום מיט ליבשאפט און מיט ווארעמקייט, און מיט א גרויסע מאס פון חכמת נשים וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, און זינג צו זיי, לויב זיי אויס, רום זיי אויס וועלן זיי פון זיך אליין ווערן א נייע בריאה.

ל. ווייבערמאן

# ווער כאפט אריין וואס

איך קען שוין נישט צוריקהאלטן פון טיילן מיינע געדאנקען, ווען איך זע וואך איין וואך ווארן אויס אזעלכע הערליגע ארטיקלען ביי די פרויען אפטיילונג, סיי פון ש. טראכטער און פון ג. פעקעטע. זיי ברענגען ארויף וויכטיגע טעמעס. ווער רעדט נאך פון מ. פאפנהיים ווי זי צולייגט גוט א זאך, אדער ח. ה. מינצבערג ווי זי רעדט צום הארץ, און אוודאי די גאר רייכע גראמען פון ש. ל. פליישמאן, וואס ברענגט ארויס אין געציילטע שורות די גאנצע אינהאלט פונעם שיעור.

אזויפיל מאל לאך איך מיט אדער שאקל צו מיט די קאפ, און איך ווער געשפאנט צו וויסן ווי אזוי עס וועט זיך ענדיגן. זייער אסאך מאל וויל איך נאר צולייגן עפעס און פארשטערקערן די געדאנק.

נישט יעדע מאל גיבט מען א הייב אויף די פעדער און קאמענטארן בלייבן אין די לופט - א בחינה פון self understood די שרייבער און ליינערס דארפן אליין פארשטיין די אומגעזאגטע

אין די ארטיקל "גיימער אויף אפרוה" האט מ. פאפנהיים ארויף געברענגט א נושא וואס האט מיר געגעבן food for thought עס האט מיר געמאכט טראכטן אסאך, און אויך לאכן.

מיט אונזערע לימודים פון דער ראש ישיבה טראגן מיר אנדערע סארט גלעזער. מיר וויסן בסוד סודות אז דא טאקע א טאג נאך די חתונה איז ממש די אנהויב פון אלע וויצן, ארומלאכן און הנאות. נאר וואס דען? די אלע ריידס



קומען אריין ביי מיר אין שטוב, אבער אן קיין פיקטשערס ארומצושיקן!

עס איז אמת אז נאך די חתונה קומט ארבעט, אפּוואַרטן דעם מאן, מוותר זיין, און האבן אסאך סבלנות. נאכדעם אויב מען איז זוכה אז ס'קומט איין קינד נאך די אנדערע, ווערט מען פארנומען אריינצוכאפן מצוות פון די וועש ביז די וואנע, נאכדעם צום טאפ. די אלע אויבנדערמאנטע זאכן קען מען אנרופן אריינכאפן.

אריינכאפן מיינט מען מיט פילע באדייט פון אניאגן א מצוה'לע און נאך א מצוה'לע. א מינוט'קעלע געבליבן און די לעבן איז אריבער. מ'וועט מאכן א ליסטע פון enjoyen מיט דעם מאן און געבוירן קינדער ביז'ן צומאכן זייער שיך בענדל. וואס איז דער סוף חשבון? וויפיל האסטו אריינגעכאפט?

אזוי ווי דער ראש ישיבה זינגט: לויף שוין און קויף שוין נאך א מצוה'לע, עס לוינט זיך גאר גוט...

וועסטו זאגן... אבער דאך... ס'וואלט מיר געשמעקט די 'אמעגא' - די באמבאסטישע אויסלופטערן ווי מען קען יא מאכן פיקטשערס! ווי מען קען פליען אין די לופט און אלע דאגות פליען אוועק! די אלע תורות פון אריינכאפן מצוות איז זייער שיין, אבער איך בין נישט אויף די מדריגה, איך דארף fun !!!

יא, יא, קענסט עס דערגרייכן, פונקט ווי די מיידל פאר די חתונה האט געמוטשעט איר מאמע צו קענען גיין אויף די מעכטיגע טריפ מיט אירע חבר'טעס, אזוי אויך קענסטו נאך די חתונה מוטשענען דעם אייבערשטן צו גיין צו סיי וועלכע פארברענג פלאץ. וועסט גיין מיט דיין מאן - די בעסטע געזונטסטע פריינדשאפט, אן די peer pressure דאגה וואס איז דא ביי יעדע "נארמאלע" גרופע חבר'טעס.

יא! דער אייבערשטער האט אויך בעיביסיטערס מיט אלעס ארום וואס דו דארפסט האבן זיך ארויסצוכאפן אויף אַן אפּרוה מיט דיין מאן, און זיך לאזן לופטערן, קענסט אפילו אנטון זון גלעזער און אנטון דיין סוועטער פאר א גארטל...

איין זאך איז א חילוק אז ביי א מיידל וואס האט זי דא אריינגעכאפט? גארנישט. אפשר האט זי זיך אויסגעגעבן און מצליח געווען צו שטופן צייט, וואס איז אויך גאנץ גוט, זיכער בעסער ווי צו גיין ליידיג.

אבער אז דו גייסט האבן פָאן מיט דיין מאן, ווערט עס גערעכנט אלץ 'אריינגעכאפט', ווייל פָאן מיט דעם מאן איז א מצוה. דו מאכסט מיט דעם נחת פאר'ן אייבערשטן וואס האט דיר צאמגעשטעלט מיט אים. יעדע מאל עס קומט דיר אריין א געפיל "איך האב אים ליב", איז עס אריינגעכאפט נאך א מצוה אויף דיין ליסטע וואס מען וועט אפירנעמען נאך וואס דער לעבן גייט אדורך. יעדע זאך וואס ברענגט דיר א שטערקערע, בעסערע, געשמאקערע קשר מיט דעם מאן איז הכל ריווח. נאך עפּעס אריינגעכאפט!

איז דא אויבער חכמים וואס פרעגן: וואס האבן ענק חתונה פרי? צו קענען האבן מער קינדער? וואו יאגסטו זיך? קענסט זיך אפשר בארואיגן?

די ענטפער איז יא! איך יאג זיך, און ניין! איך קען זיך נישט בארואיגן. עס ברענט מיר אריינצוכאפן וואס שנעלער צו טון וואס מיין זיסער באשעפער בעט פון מיר, אזויווי עס ברענט פאר יענע כלה מיידל אריינצוכאפן א מעכטיגע טריפ.

אויב דער אייבערשטער וויל איך זאל חתונה האבן, אדער ס'איז א צייט צו ברענגען קינדער האב איך נישט יעצט אפאר איבריגע חדשים צו שטופן. יעדע מינוט וויל איך לויפן טון זיין רצון, ענדערש ווי להבדיל דער רצון פון סטייליש אפגאט וואס הייסט "יעדער און קיינער".

"יעדער מאכט א בעל בית'ש'ע תנאים"

"קיינער טוט נישט א שידוך אזוי פרי"

"יעדער טוט וואס איז נארמאל"

"קיינער האט נישט אזוי סאך קינדער"

לאמיר נישט ווערן פארטומלט פון די וועלט פון דמיונות, אזוי ווי אין סיפורי מעשיות מעשה י"ב: עס איז געווען א גארטן וואס קיינער האט דארט נישט געקענט אדורכגיין ווייל אזוי ווי מ'איז אריין האט מען געשפירט ווי איינער הייבט אן צו יאגן און ער מוז אנטלויפן פון גרויס בהלה.

אזוי שפירט א מענטש ווען ער וויל אנהויבן זיין לעבן, ער לייגט אריין איין טריט אין דעם גארטן, פלוצלונג שפירט ער אזוי פארטומלט, ער ווייסט שוין נישט וועלכע הבל הבלים, אדער וועלכע פרומקייטן ער דארף נאכלויפן. אבער דער אמת'ער בן מלך איז געווען א קלוגער און פארשטאנען אז מ'דארף זיך שטארק אנכאפן אין דעם צדיק וואס שטייט נעבן גארטן, נאר אזוי קען מען דורכגיין די וועלט בשלום.

לאמיר זיך אנכאפן אין דעם צדיק און זיך צוהערן צו יעדע עצה וואס ער גיבט אונז, וועלן מיר נישט פארפארן אין לעבן. אויב דער צדיק זאגט אז חתונה האבן וועט מיר פירן צום ציל, פאלג איך קודם די עצה און נאכדעם וועל איך שוין טרעפן צייט צו גיין 'טשילן', און ווען דער צדיק זאגט אז קינדער שטערן נישט פון enjoyen וועל איך אזוי טון. נאר אזוי וועל מיר קענען דורכשפאצירן די גארטן מיט זיכערע טריט, אן צו ווערן צו'מזיק'ט פון קרומע דעות.

איך וועל צוענדיגן מיט א גרויסן דאנק פארן אייבערשטן וואס האט אונז געהאלפן אז מיר קענען האבן א אייגענע אויסגאבע מיט א ברסלב'ע טעם. און א גרויסן דאנק פאר די אלע שרייבערס און אויך פאר די וואס ארבעטן באהאלטענערהייט - טייפען אויף די ארטיקלען - משפחת פערל מיט אירע טעכטער. א הערצליכן מזל טוב פאר איר טאכטער ח. פ. וועבערמאן, וואס האט ברוך השם געהאט א קינד. דער אייבערשטער זאל מחזק זיין די וואס זענען מחזק אנדערע.

אויב איר האט סיי וועלכע קורצע געדאנק צו צולייגן צו א ארטיקל, קענט איר אלץ אריינשיקן בריוו צו די רעדאקציע דורך פאסט אדער אימעיל.

# Chicken Lo mein

BY: T. PINTER

## DIRECTIONS:

- 5 CHICKEN CUTLETS
- COAT CHICKEN BITE-SIZE NUGGETS WITH FLOUR.
- SPREAD IN A 9X13 LAYER THINLY WITH 1 SLICED ONION ON TOP.
- ADD SLICED PEPPERS, BABY CORN, CANNED SLICED MUSHROOMS, AND CARROT.
- MIX HALF A CUP BROWN SUGAR, HALF CUP SOY SAUCE, HALF CUP OIL.
- 2 GARLIC CUBES POUR ON TOP.
- BAKE ON 405 FOR 40-45 MIN COVERING THEM.
- THEN BAKE AT 375 FOR 20-25 UNCOVERED.
- SERVE OVER SPAGHETTI.
- ADD VEGETABLES OF YOUR CHOICE.



כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

עס איז אונז א כבוד און א פארגעניגן צו באדאנקען ידידינו היקר

מוה"ר

# שמעון גאנצפריעד

הי"ו

**ומשפחתו החשובה**

פאר עפענען זייער שטוב און אהערשטעלן די גאר עלעגאנטע טיי אונט בעיר לינדען ניו דזשערזי יצ"ו, לטובת אונזער חשוב'ע כולל היכל הקודש אין קרית ברסלב, ליבערטי, ניו יארק, בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל הברכות האמורות בתורה עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבבכם לטובה און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

המברכים מעומק הלב

הנהלת הכולל

# קינדער בלעטל




די לאנג ערווארטעטע

# שניי

איז שוין ענדליך אנגעקומען!

מאכט אייך גרייט צום

# חנוכה פראגראם!



# יאקאב!

*פאַרזעצונג פון פריער: יעקב (יאקאב), איז איינס פון די צען פאטאש קינדער. ביי די צוועלף יאר גייט ער לערנען ביי די ישיבה פון רבי משה'לע סטאלין זי"ע הי"ד. יעקב האט געפאלגט זיין רבי און מיט א גרופע בחורים זיך גענומען לויפן זוכנדיג שוץ.*

אזוי האט זיך יעקב, א יונגע בחור'ל פון דרייצן יאר אלט, געטראפן אנטלויפן פאר זיין לעבן. אינאיינעם מיט א גרופע בחורים זענען זיי געלאפן און געוואנדערט און פראבירט צו טרעפן א פלאץ וואו זיי וועלן קענען זיין עד יעבור זעם. עס זענען אריבער טעג און נעכט וואס די בחורים האבן געוואנדערט פון שטעטל צו שטעטל, פון בית המדרש צו בית המדרש, ביז זיי זענען אנגעקומען צו די שטאט ווילנא.

אין יענע תקופה האט די דייטשע נעגל נאכנישט דערגרייכט די שטאט ווילנא, און אסאך ישיבות און לומדי תורה זענען דארט אנגעקומען.

פון ליטא איז אנגעקומען די מירער ישיבה, אויך די ישיבה פון הגאון ר' אהרן קאטלער ז"ל האט זיך דארטן געצויגן אין יענע תקופה. די קלעצקע'ר ישיבה, ווי אויך א סניף פון די ליובאוויטש'ס ישיבות. און צווישן אלע זענען אויך אנגעקומען א קליין גרופע פון די סטאלינ'ער ישיבה, יעקב צווישן זיי.

א שווערע תקופה איז אריבער אויף די יונגע יעקב פאטאש. קוים בר מצוה געהאט און אצינד אזוי אפגעריסן פון זיין משפחה. קיין טעלעפאן איז דאן נישט געווען, די איינציגסטע פארבינדונג איז געווען דורך שרייבן בריוו. אבער אזוי ווי עס איז געווען מלחמה צייט זענען די בריוו נישט אנגעקומען. עס איז אריבער א תקופה און יעקב האט גארנישט געהערט פון זיין משפחה. ער האט נישט געוואוסט צו זיי לעבן אדער נישט..

אין יענע תקופה האט זיך יעקב נאך שטערקער אנגעכאפט אין די הייליגע אמונה, די איינציגסטע שיץ מיטל פאר א איד אין יעדע תקופה, ספעציעל ווען עס גייען אריבער שווערע נסיונות. ער האט זיך יעדן טאג גוט אויסגעוויינט צום אייבערשטן ער זאל זיך קענען ראטעווען פון די רוצחים, און בלייבן לעבן. און אז ער זאל קענען זיך האלטן שטארק מיט די פשוטע אמונה אינעם אייבערשטן.

כאטש ער איז געווען יונגער ווי רוב תלמידים אין די ארטיגע צייטווייליגע ישיבות, האט יעקב זיך אריינגעווארפן אין תורה. ער האט זיך באהאלטן צווישן די בלעטער גמרא און פרקים משניות, און געפינען זיין טרייסט צווישן די הייליגע תנאים און אמוראים.

מי כעמך ישראל! טויזענטער בחורים זענען געזיצן צווישן די ווענט פון ישיבה און מיט אלע כוחות פראבירט צו מאכן די לעבן עטוואס סטאביל. אינדערויסן האט געבלאזן ווינטן פון רציחה און אידיש בלוט איז געווען הפקר, אבער דא צווישן די ווענט פון ישיבה האט געשיינט די ליכט פון תורה.

ש. טראכטער

# 3

אין יענע תקופה האט יעקב זוכה געווען מיטצוהאלטן די שיעורים פון דער גרויסער גאון ר' אהרן קאטלער ז"ל. ער האט די שיעורים אריינגענומען אין זיין נשמה, און דאס האט אים שפעטער געווארעמט דורכאויס די לאנגע און קאלטע גלות טעג וואס איז אויף אים אריבער.

אבער די צייטווייליגע רואיגקייט האט אויך נישט אנגעהאלטן צו לאנג און דער דייטש ימח שמו האט זיך מיט שנעלע טריט אויך דערנענטערט קיין ווילנא.

ווען די סכנה איז געקומען נענטער, האבן די בחורים ווידער געדארפט נעמען די וואנדער שטעקן אין האנט און וועבן פלענער צו אנטלויפן ווייטער פונעם דייטש ימח שמו.

די מירער ישיבה האט דאן באקומען וויזעס צו קענען גיין קיין יאפאן (וואס איז א באזונדערע אינטערעסאנטע שטיקל היסטאריע) און אסאך אנדערע האבן אויך זוכה געווען צו באקומען וויזעס אהין.

יעקב, האט אבער נישט באקומען קיין וויזע און ער האט געדארפט טראכטן פון אן אנדערע אנטלויף פלאן. אינאיינעם מיט אפאר בחורים זענען זיי געזעצן איבער מאפעס און פראבירט צו מאכן א חשבון וואס וועט זיין די פארזיכערסטע וועג צו אנטלויפן וואס ווייטער פון דייטשע טעריטאריע. זייער בליק איז געפאלן אויף רוסלאנד..

אינאיינעם מיט אפאר בחורים זענען זיי געזעצן איבער מאפעס און פראבירט צו מאכן א חשבון וואס וועט זיין די פארזיכערסטע וועג צו אנטלויפן.

רוסלאנד איז א ריזיגע שטח, און אז מען וועט גיין קיין צפון איז דא מיטן אייבערשטנ'ס הילף די מעגליכקייט צו קענען "אנטרינען ווערן" און פארשוואונדען ווערן פון די מאפע, און אויסווארטן אז די קריג זאל זיך ענדיגן.

אין אנהייב פון די מלחמה איז רוסלאנד געשטאנען אויף די זייט מיט די דייטשן ימ"ש. שפעטער אבער האבן זיי זיך צעקריגט און רוסלאנד איז געווארן א קעגנער פון דעם דייטש ימ"ש. אין די צייט ווען יעקב מיט זיינע חברים זענען אנטלאפן איז שוין רוסלאנד געווען א שונא פון די נאציס ימ"ש, ממילא איז די אויסזיכטן פון ווערן געראטעוועט געווען גרעסער ווי אין סיי וועלכע לאנד פון אייראפע. (וואס אגב, אסאך לענדער זענען געווען קעגן די נאציס ימ"ש, אבער זיי זענען נישט געווען גענוג שטארק זיך צו קריגן מיט'ן בלוט שונא. רוסלאנד, דאגעגן איז געווען א וועלטס מאכט, ממילא האבן זיי געהאט די ארמיי און כוחות זיך צו קריגן מיט דייטשלאנד).

פארשטייט זיך אז צו אנטלויפן איז געווען א פראגע פון לעבן אדער טויט. אויב חס ושלום א וועכטער פון ווילנא זאל זיי באמערקן וואלטן זיי נישט געבליבן לעבן, דערפאר האט די אנטלויף אקציע געדארפט געטון ווערן שטיל און פארזיכטיג אן צו ציען עקסטערע אויפמערקזאמקייט.

די פלאן איז געווען אז אינמיטן נאכט וועלן די חברים גיין צו א געדעכטע וואלד, וואס אינמיטן די וואלד צעטיילט זיך די שטח פון ווילנא און רוסלאנד. אזויווי עס איז א וואלד איז די פלאץ נישט אזוי שווער באוואכט מיט וועכטער. די אפענע פעלדער און עמטליכע גרעניצן זענען געווען פול מיט פאליציי. אבער אינמיטן וואלד, אינמיטן נאכט זענען נישט געווען אזויפיל פאליציי צו היטן אויף די גרעניץ, ווייל זייער ווייניג מענטשן האבן אונטערגענומען אזא שווערע און שרעקעדיגע נסיעה אריבערצוגיין די גרעניץ. דערפאר טאקע איז עס געווען די מערסטע פארזיכערט.

די בחורים האבן דאן אפגעמאכט צווישן זיך אז זיי וועלן זיך ארויסלאזן אינאיינעם, אבער ביים שווערצן וועלן זיי גיין אפגעזונדערט, כדי נישט צו ציען אויפמערקזאמקייט. און אויב חס ושלום איינער ווערט געכאפט וועלן די אנדערע זיך נאך קענען ראטעווען.

פארזעצונג קומט אי"ה

דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווער ס'ענדיגט ש"ס ציט ארויף אויף זיך א צלם אלקים!

## ברסלבי'ע חידות

**א איד האט זיך אמאל אויסגערעדט צום רבי'ן אז ער קען זיך נישט קריגן מיטן יצר הרע, האט דער רבי געזאגט: דו טו גוטס, און**

א. איך וועל אויך טון גוטס

ב. די שלעכטס וועט שוין ממילא אוועקפאלן

ג. דער יצר טוב וועט קומען צו דיר

ד. שוין.

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: צווישן מיר און משיח איז נישטא קיין חילוק, חוץ איין חילוק, ביי משיח וועט שוין נישט קיין קיין בחירה, יעצט איז נאך דא.

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך ווארפט מען ארויף און ס'בלייבט שטיין אין די לופט?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כח. כְּשֶׁאָדָם נוֹפֵל מֵאֱמוּנָה, יֵדַע שֶׁדָּנִין אוֹתוֹ לְמַעְלָה.**

וֶוען אַ מֶענְטְש וֶוערְט שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, זָאל עֶר וִויסְן אַז מֶען מִשְׁפָּט אִים יֶעצְט אוֹיבְן אִין הִימְל.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן ארייַנצופילן יעדע צווייטע ליין,** (מען פילט אריין די ערשטע ליין, די צווייטע לאזט מען ליידיג, מען פילט אריין די דריטע, די פערטע לאזט מען ליידיג, א.א.וו.) **פון אויבן ביז אונטן, און שיקט אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו ארייַנשיקן א בילד פון דיר, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!**

# קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

איך האב געדארפט האבן א נייע חומש, תהילים און משניות, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס באקומען.

שכח אייבערשטער איך האב באקומען.

*אליעזר הכהן קאהן, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען נייע שיך, נאכדעם וואס די אלטע שיך איז שוין געווארן צוריסן.

שכח אייבערשטער איך האב באקומען שיינע נייע שיך.

*הערש אלימלך הכהן קאהן, 9 יאר, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א לאנגע צייט מיר זאלן מופן צו די שטעטל.

שכח אייבערשטער מיר האבן די וואך געמופט.

*יוסי פריעדריך, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א נייע סטיקער, שכח אייבערשטער איך האב באקומען.

*אהרן הכהן קאהן, קרית ברסלב*

איך האב געדארפט נייע געשמאקע קלעי' זיך צו שפילן דערמיט. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען נייע קלעי'.

שכח אייבערשטער מיין טאטע האט מיר געקויפט.

*נחמן נתן וויינבערג, קרית ברסלב*

איך האב געדארפט א קלייד וואס איז א סייז גרעסער כדי עס זאל מער צניעות'דיג.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען א גרעסערע סייז.

איין טאג זענען מיר געגאנגען אין באזאר, שכח אייבערשטער איך האב דארט געטראפן די סייז קלייד וואס איך האב געדארפט האבן.

*רבקה וועבערמאן, קרית ברסלב*

שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.

און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.

צו הערן די גורל פון פארגאנגענעם חודש
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# בלעטל פארמעסט

## טייערע בלעטל קינדער

אה... די יום טוב חנוכה קומט שוין צו גיין!
לאמיר זען וואס דו קענסט מאכן פאר די מעכטיגע

# חנוכה פארמעסט!

שטעל אהער סיי וועלכע זאך עס האט צוטון מיט חנוכה, עס קען ווערן געמאכט מיט שפילצייג, עסן, געמאלן אויף פאפיר, און ווער ס'קען - קום אויף מיט אן איינגענעם מאטריאל מיט וואס צו מאכן דיין פראיעקט

שיק אריין א בילד פון דיין ערליכע האנטווערק צו די בלעטל, און דיין בילד וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארייגעשטעלט ווערן דא ביים בלעטל פארמעסט.

דערנאך וועלן אלע חשוב'ע קינדער אויסוועלן וועלכע בילד עס געפעלט זיי דאס מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט

די בילדער קענען מען שיקן צו 845.379.1161 אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

**מאך א תפלה ס'זאל געלונגען,**
**און לאמיר זען וואס דו קענסט!**

# קליין און פיין


יעקב פנחס גאטליב


נתי און יוסי אינדיג


יואליש ראטה


נתי אפענהיים



יוסי פריעדריך


משפחת פיש און ראבינאוויטש


נחמן נתן פעלדמאן


אליעזר שלמה אינדיג הכנסת ספר תורה טראק


משפחת פריעדמאן, יאקאבאוויטש און שארף

22

# דער אוצר אויפן באן

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:
אַ אִיד פוּל מִיט חוֹבוֹת
קוּמְט צוּ מוֹהֲרָא"ש
פְרֶעגְן אַ עֵצָה, אוּן
מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים
עֶר זָאל זָאגְן פַארְן
אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט
שׁוֹין מֶער נִישְׁט בָּארְגְן
קַיין גֶעלְט.



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**די קינדער פון תלמוד תורה אין ירושלים ביי קריאת שמע ליינען**



**מען הויבט אן אינסטאלירן די טיילס ביי די כלים מקוה אין שטעטל ברסלב**



**די קינדער פון תלמוד תורה ביי א באזוך ביים בית הדפוס אין ירושלים**





מסיבה פארן כולל היכל הקודש אין לינדן










פרייליכע חתונה פון החתן יענקי סאמעט ני"ו אין בית שמש



מ'הייבט שוין אן פרעימען די הייזער אויף די בארדיטשוב גאס



מען גרייט צו פאר די חתונה פון החתן אשר ראנד נ"י




יארצייט סעודה פון ר' ישעי' ב"ר משה יצחק זצ"ל די טאטע פון מו"ה פנחס זעליג פיש הי"ו




דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין ישיבה אין שטעטל




דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט דעם בית הדפוס אין שטעטל




דער ראש ישיבה שליט"א אויף א באזוך אינעם מצה בעקעריי אין שטעטל





דער ראש ישיבה שליט"א אין די אפיס פון פעסט בילד





דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט און געבט א שמועס אינעם כולל אין שטעטל




הרב חיים מאיר שטיינמעץ שליט"א אין שטעטל



סיום אין כיתה ד' פון די וויליאמסבורג חדר









אנשי שלומינו זענען מתפלל בייים ציון פונעם ריבניצער רבי זצ"ל















**פרייליכע חתונה פון החתן אשר ראנד ני"ו אין ישיבה - א' תולדות תשפ"ה**

קרעדיט: שלמה המר, שמעון פורטגאל, שמעון פיש, אייזיק ראטה, יוסי פרערויא,